STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13659

# ALE VERK FUN MOSHEH KULBAK.

Moshe Kulbak

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק

פון

# משה קולבאַק

באַנד III

ווילנע — 1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

משה קולבאַק

# יעקב פראַנק

דראַמע אין דריי אַקטן

ווילנע — 1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

אַלע רעכט פון איבערזעצן און אויפפירן
לאָזט איבער דער מחבר פאַר זיך.

Printed in Poland

M. Kulbak — „Jakow Frank“

Drukarnia „Wydawn. Wilenskie“
B. Kleckina

דרוקעריי „ווילנער פאַרלאַג“
פון ב. קלעצקין

# אַנטיילנעמער:

יעקב פראַנק.

חוהלע, זיין טאָכטער, 14 יאָר אַלט.

ר׳ אלישע שור, אַן אַלטער בעל-מקובל, אַ שבתי-צביניק.

חיה, זיין טאָכטער, אַ שבתי-צביניצע.

שלמה, זיין זון, אַ שבתי-צביניק.

ר׳ לייב פון נאַדוואָרנע, אַ שבתי-צביניק.

ר׳ ישראל בעל-שם-טוב (דער בעש״ט).

ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער, אַ רבֿ.

די טאָכטער ווינע.

זלמנקע, אַ ישיבֿה-בחור פון ליטע, 15 יאָר אַלט.

מאַטעוש, יעקב פראַנקס באַדינער.

דער אוקראַאינער בעל-עגלה, די צוויי מלמדים, דער מעליקער ייד, דער ייד אין פעלץ, ערשטע יידענע, צווייטע יידענע, ערשטער שמש, צווייטער שמש, חסידים, מאַסקעס, יידן און ווייבער פאַרשיידנ־פאַרביק געקליידט פון פאַרשיידענע לענדער.

# ערשטער אַקט

אַ ברייטע שטוב פֿאַר אורחים. די ווענט ניט נעסינקעוועט, עס זעען זיך אַרויס די ברוינע, פֿאַרעלטערטע קלעצער. אין ווינקל לינקס אַ גרויסער, פֿאַררויכערטער אויוון, אַרומגעשטעלט מיט שווערע בענק. ביים אויוון אין הינטערגרונד אַ נידעריקע טיר צום גאַנג. רעכטס פֿון טיר צוויי קליינע פֿענסטער, ווי אין אַ פּורים-שפּיל, צווישן די פֿענסטער אַ קליין אָרון-קודש. לינקס און רעכטס — טירן פֿאַרהאַנגענע מיט פֿאָרטיערן, וואָס פֿירן אין די אינעווייניקסטע שטיבער. ביי אַלע ווענט בענק. אַרום אַ דעמבענעם טיש ביי די פֿענסטער זיצן ייִדן און ווייבער אַנגעפּעלצטע, איינגעוויקלטע אין פֿאַטשיילעס. לינקס ביי דער טיר אַ שולחן, דערביי זיצן ר׳ אלישע שור און זלמנקע. ביי דער אייגענער וואַנט נענטער צו דער ראַמפּע אַ ספֿרים-אַלמער. אויף אים שטייט אַ נאַרגילע. איבערן אַלמער איז די וואַנט באַשלאָגן מיט אַן אָריענטאַלישן טעפּעך. אויף אַ הענגער דערביי הענגט אַ טערקישער כאַלאַט. רעכטס ביי דער ראַמפּע אַ טיש מיט שרייבגעצייג, דערביי אַ פֿאַרצייטיקער פֿאָטערשטול. אויבן וואַנט איבערן טיש הענגען אַ פּאָר קרומע, טערקישע שווערדן, מאַטעוש שטייט ביים טיר רעכטס. ייִדן, ווייבער גייען אַרום איבערן שטוב, באַקוקן די ווענט, כאַפּן אַ קוק אַהינטער די פֿאַרטיערן. עס איז נאָך האַלבן טאָג.

ע ר ש ט ע ר  י י ד

קוקט דורכן פענסטער:

סאַר אַ יריד! ביי אונז זיינען נאָר אַזוינע ירידים ניט בנמצא. יידן האָבן דאָ, משמעות, פרנסה בריווח?! פש...

צ ו ו י י ט ע ר  י י ד:

נו, פאָדאָליע האָט, גאָט צו דאַנקען, אַ שם אויף דער וועלט.

ע ר ש ט ע ר  י י ד:

ביי אונז, אַז אַ פּויערל ברענגט צו פירן אַ וועגל האָלץ אויפן מאַרק, אָדער אַ צעבעריציק אַמאָל ערב־יום־טוב, באַפאַלן אים די ווייבער, ווי די הייושעריקן. אַן איי זעט מען גאָר אין די אויגן ניט אָן, און אַ שטיקל כריין לכבוד שבת דאַרף מען גיין אַליין אין פעלד אויסגראָבן.

ד ר י ט ע ר  י י ד:

וואָרעם פון וואַנען איז אַ ייד?

ע ר ש ט ע ר  י י ד:

אַזש פון זשאַמוט געקומען. אַכט וואָכן געגאַנגען צו פוס. אָרעמקייט איז ניט קיין שאַנד, אָבער מען קאָן שוין ניט אויסהאַלטן אין אונזערע מקומות. באו מים עד נפש.

צ ו ו י י ט ע ר  י י ד:

און פון וואַנען זייט איר?

ע ר ש ט ע ר  מ ל מ ד:

פון ליטע. איבערגעלאָזן ווייב און קינדער אויף הפקר און אַוועקגעגאַנגען. ס'האָט געצויגן, ווי מיט צוואַנגען. מען זאָגט, אַז ער וועט בע"ה טאַקע ברענגען די ישועה אויף יידן?!

צווייטער מלמד:

געהאַט דעם בעסטן קנעלונג אין שטעטל, און דערצו אַ ווייב אַ באַלעבאָסטע און אַ יפת־תואר. נעם איך אינמיטן דער נאַכט און אַנטלויף. און וואָס איז דער טעם דערפון — ווייס איך ניט. עס איז אין מיר אַריין דעמאָלט, משמעות, אַ טירוף.

פערטער ייד:

ניט געזאָרגט, יידן, עס וועט זיין אי״ה גוט.

ערשטע יידענע:

ר׳ ייד, געוואָלט עפעס פרעגן. פאַר ווייבערשע צרות האָט ער אויך אַ האַרץ?

צווייטער ייד:

וואָסי, וואָס?

ערשטע יידענע

שווייגט.

דריטער ייד:

ביי אונז שעמט מען זיך ניט, ווייבל, וואָס? עס שטייען קיין קינדער ניט?

ערשטע יידענע:

אָ, די קינדער וואָלטן שוין געשטאַנען, אָבער עס איז קיין מזל ניטאָ. פיר מאָגען געביטן, און עס העלפט ניט, זיי האָבן ניט געטווינט — שוואַכע מענטשן געווען.

צווייטער ייד:

אפשר טויגסטו ניט, יידענע?

ערשטע יידענע:

וואָס הייסט?! אַ גוט יאָר אויף אייך, ר׳ ייד, איר דער־ציילט מיר? וואָס הייסט איך טויג ניט? ווייס שוין ניט אַ מענטש פון זיין אייגענער האָב און גוטס?! איר זייט אַן עלטערער מענטש, איר זאָלט מיר מוחל זיין, טאָ מישט זיך ניט אין אַזוינע זאַכן.

ד ר י ט ע ר  י י ד:

גערדאַרפט זיך ווענדן צו אַ בעל=שם, מען נעמט איין אַזאַ מין גראָז און עס העלפט אויפן אָרט.

ע ר ש ט ע  י י ד ע נ ע:

שוין אויסגעווען ביי די גרעסטע בעל=שמען, איינגענומען גראָזן און קרייטעכצער כלערליי, אָבער עס העלפט ניט, עס העלפט ניט, אפשר וועט ער זיך, דער הייליקער האַר, אויף מיר מרחם זיין.

אַ ן  אַ ר ו מ ג י י ע נ ד י ק ע ר  י י ד:

עפּעס שמעקט מיר דאָ צופּיל מיט ווייבערשע זאַכן!

צ ו ו י י ט ע  י י ד ע נ ע:

געפעלט אייך ניט, וואָס? און דו, ווייבל, רייד ניט מיט זיי, וואָסי, זיי האַלטן אונז פאַר מענטשן? פאַר זיי זיינען דאָך די פרויענצימער ווי בהמות. וועסט זיך דורכריידן, טייערע, מיט אונזער האַרינטע — מיט חייהן, זי וועט דיר שוין אַן עצה געבן. חייה וועט דיר אַפילו העלפן מיט אַ תורה=וואָרט, זי קאָן דאָך לערנען מער פון דעם בעסטן רב! אָבער מיט זיי דאַרפסטו ניט ריידן, זיי זיינען דאָך ערגער ווי די רוצחים.

אַ ן  א ו ק ר אַ י נ ע ר  ב ע ל=ע ג ל ה:

אוווּאַ, סאַר אַ לשון! פּש!...

צ ו ו י י ט ע ר  י י ד:

פאַראַן ביי אונז אַ בעל=שמל, ליגט שטענדיק אָט=אָדאָ אויפן אויוון. מען זאָגט, עס גיט זיך אים אויך אַמאָל איין אָפּ=שפּרעכעניש, כ'ווייס, אַ מעשה, אַ כּאָסדע. נעדאַרפט ביי אים אַ פרעג טאָן. שרייט צום אויוון. ישראלציק! דו שלאָפסט? אפשר וואָלסטו אַראָפּגעקומען? אַ יידענע זוכט דאָ אַ תרופה צום קינדער=האָבן, שוין אויסגעווען ביי אַ סך גוטע יידן. אפשר וואָלסטו אַראָפּגעקומען?

דער בעש״ט

קריכט אַראָפּ פון אויוון:

המ... וואָס ווילט איר האָבן? ווער איז אַ בעל־שמל? דאָס האָט מען מיר דאָך געגעבן אַזאַ צונעמעניש: ישראליק בעל־שם... המ... וויקלט זיך אין טוליק. עס איז אַ פּנים שטאַרק יעקיען אויף דרויסן — — — עס נעצט ממש דורך די ביינער... ס׳איז דאָך באמת קאַלט... זעצט זיך רעכטס אויפן באַנק, די הענט אין די אַרבל.

דריטער ייד:

אָט אַזוי לעבט עס אָפּ אַ מענטש זיינע יאָרן: פון אויוון אויפן באַנק, און פון באַנק קריכט מען דערנאָך אַרויף צוריק אויפן אויוון.

דער אַרומגייענדיקער ייד:

וואָס זיינען עס פּאַר אַ שווערדן אויפן וואַנט? דאָס איז דאָך גאָרנישט מעשה־ייד.

צווייטער ייד:

ער האָט דאָך אָפּגעלעבט לאַנגע יאָרן ביי די טערקן, צוריק־געקומען אַפילו אַ נכתב פון דאָרטן. אים, פּאַרשטייסטו מיר, קאָן אונזער מלכות שוין גאָרנישט טאָן. און דו וואונדער זיך ניט, אורח, — וואָס ביי אונז אַ תהילים איז פּאַר אים אַ שווערד. מסתמא ליגט דאָך אין דעם עפּעס אַ טעם.

דריטער ייד:

דאָס טוט ער, משמעות, צוליב די מלכים — ער זאָגט צו זיי: וואָס איז אייער גדלות? איר טוט זיך אָן אין די שענ־סטע בגדי חמודות — איך אויך, איר שלאָגט זיך מיט שווערדן — איך אויך!

דער אוקראַיִנער בעל־עגלה:

נו, וואָס דויערט עס דאָרטן אַזוי לאַנג?! פון באַגינען אָן, ווי מען זיצט, ווי די גולמים, און מען טערכעט... וואָלט

מען באַטש געגעבן עפּעס אין מויל אַריין... עס נעמט דאָך
אָן איינעם אַ ניטגוטקייט...

פערטער ייד:

מענטש, האָב אַ ביסל סבלנות. דו מיינסט אַוודאי, מער ווי דו ליגסט איט ניט אין קאָפּ? פאַראַן ב״ה צרות ביי יידן גענוג. און מען דאַרף אַלעמען צורעכטקומען.

ערשטער שמש:

אַט איך זיץ שוין דאָ אַ גוטע פּאָר שעה מיט אַ שליחות. אַז איך געדענק גאָרניט צו דער חברה. נעם אָפּ ביי מיר די שליחות און הייס מיר גיין. וואָס האַלטסטו מיך דאָ? — איך בין אַ פּאַרנומענער מענטש. ניט אַזוי?

דריטער ייד:

סבלנות, יידן, נאָר סבלנות. מיט סבלנות קען מען איבער-קערן אַ וועלט.

דער אוקראַינער בעל-עגלה:

ר׳ קרוב, איר זייט אַ ייד אַ חכם, איך בעט אייך צו פּאַר-צייען...

מאַטעוש

רופט אויס:

סעניאָר סאַנטאַ! דער הייליקער האָר און חיה די הייליקע גייען!

עס קומען אַריין יעקב פראַנק און חיה. אַלע יידן שטייען אויף איילִיק און אַ ביסל איבערגעשראָקן, אויסער דעם בעש״ט, וואָס בלייבט זיצן, ווי פריער.

יעקב פראַנק

רייבט די הענט:

גוט מאָרגן, יידן! פון וואַנען געקומען? — פון אַלע עקן וועלט. עס האָט זיך, משמעות, פאַרבענקט נאָך יעקב פראַנק, ניט געקאָנט איינזיצן אינדערהיים, און עס האָט, אַפּנים, געגאָנט, געגאַנט אַזוי אונטער די הערצעלעך... איך ווייס, אַזוינס ווייס איך שטענדיק דער ערשטער. איר בלייבט דאָ

ביי מיר, יידן! יעקב פראַנק זאָגט: מיר האָבן שוין גענוג מיט די דראַפּאַטשעס, ווידענע יידן און מלאכים-מעלקער. איצטער ווילן מיר עפּעס אַנדערש. מאַטעוש, דו וועסט צוגרייטן פאַר זיי עסן און אַ נאַכטלעגער, און זאָלסט זיי פירן אויך אין באָד, די מאַנסביל מיט די ווייבער, הערסט, די מאַנסביל מיט די ווייבער. *בויגט זיך איבער צום ערשטן מלמד.* ווייל אָט-אָדאָ דאַרף מען זיין ריין אַרומגעוואַשן, פעטערל! פון וואַנען קומסטו?

ערשטער מלמד:

פון ליטע זיינען מיר. איבערגעלאָזן די קנעלונגען און געקומען צו גיין צופוס. עס איז אין דער ליטע חושך מצרים. קיינער טוט ניט די אַרבעט בשלמות. שניידער וואַרפן אַוועקעט די שער, שוסטער די העמערלעך. עס איז באַפאַלן אַלעמען זייער אַ גרויסע בענקעניש. די יונגעלייט אַנטלויפן פון די ישיבות, מען ווייסט ניט וואוהין. די ווייבער ווערן ניט טראָגעדיק. —

צווייטער מלמד:

האָב איך געזאָגט צו אייזיקן: קום לאָמיר גיין קיין פּאָדאָליע, לאָמיר איבערלאָזן האָב און גוטס און אַוועקגיין צו אים.

יעקב פראַנק:

צו וועמען?

צווייטער מלמד

*שווייגט.*

יעקב פראַנק:

נו, צו וועמען?

צווייטער מלמד

*שטיל:*

צו ר' יעקב פראַנק.

יעקב פראַנק:

צו מיר? אָבער איך בין דאָך ניט משיח. שוטים, איך בין דאָך ניט משיח! ווער עס מיינט, אַז משיח איז אַ מאַנסביל, דאַרף מען אים אויפהענגען, ער איז חייב מיתה. ניין, יידן, אַכצן משיחים זיינען געקומען פאַר מיר, אָנגעהויבן פון משה רבינו און געענדיקט מיט דעם הייליקסטן פון אַלע, מיט שבתי=צבי. זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען צו די מענטשן, מען האָט זיך פאַר זיי געבוקט, געקושט די טריט, אָבער זי, זי, די הייליקע מטרוניתא, איז דעמאָלט פאַרבייגעפאָרן אויף דעם ווייסן אייזעלע און קיינער האָט זי ניט באַמערקט.

ערשטער שמש:

איך האָב צו אייך אַ שליחות, ר׳ יעקב.

יעקב פראַנק:

שווייג, חמור, שווייג... קיינער האָט זי ניט באַמערקט, אָבער זי איז דאָ, זי איז געקומען... עס איז אַראָפּ די אמונה אויף דער ערד יונג און פריש, ווי אַ נאַקעטע מיידל — גלאָצט ניט אויס די אויגן, בטלנים איינע, וואָס גלאָצט איר די אויגן? וואָס שרעקט איר זיך פאַר אַ נאַקעטע מיידל? האָט איר דען אַמאָל געזען אַ מיידל, ווען זי איז נאַקעט? שטייט ניט געשריבן אין דער תורה, ווי שיין עס איז געווען שולמית נאַקעטערהייט? — שני שדיך כשני עפרים. יידן, דאָס האָט מען געמיינט אמתע ברוסטן! ניט קיין משל, ברוסטן רונדע, ווי די עפּל... דאָס האָט מען געמיינט איר, וואָס איז אייך געקומען אויסלייזן, וואָס איז געקומען צו אייך, צו אייך, אָפּגעשלאָגענע הושענות! — קוקט ניט, ווי די גולמים! און אַז זי וועט זיך צו אייך ווייזן — פאַלט איר צו די פיס, זאָל זי טרעטן אויף אייך, דעמאָלט וועט אַראָפּפאַלן דער שאָלעכץ פון אייערע לייבער. איר וועט צום ערשטן מאָל אַריינעטעמען צוריק אַ פרישן אָטעם. איר וועט צוריק אָפּלעבן, איר מתים. אַז זי וועט זיך צו אייך ווייזן, זאָלט איר פאַלן פאַר איר אויף די פנימער, וויינען און

בעטן רחמים. אויפגערעגט. וואָס שווייגט איר? גולמים, וואָס שווייגט איר?

אַלע קוקן פאַרוואונדערט איינע אויף די אַנדערע, ווייסן ניט וואָס צו טאָן.

יעקב פראַנק:

זאָגט: מיר וועלן זיך בוקן פאַר איר! מיר וועלן איר אָפּגעבן אונזער לעבן!

אַלע:

מיר וועלן זיך בוקן פאַר איר! מיר וועלן איר אָפּגעבן אונזער לעבן!

יעקב פראַנק:

וואָרעם וואָס פעלט אייך דען? הא, וואָס פעלט אייך דען?

דער אוקראַינער בעל־עגלה

פאַרביסערט:

רבי, האָט אויף אונז רחמנות, עס פעלט אונז פרנסה!

יעקב פראַנק:

צו וואָס דאַרפט איר פרנסה, חמורים? גייט זיך פונאַנדער איבער דער וועלט. גייט איבער די הייזער. איר האָט ווייניק געהאַנדלט? טוט אָן די טאָרבעס אויף די פּלייצעס און וואַנדערט אַוועק אויף אַלע וועגן. ניין, פרנסה פעלט אייך ניט. ניין! עס פעלט אייך די מטרוניתא. זי פעלט אייך — די וואַרעמע ווייב. גייט, זוכט ווייבער פאַר זיך, שיינע ווייבער!

צווייטער מלמד:

רבי, רבי, אַז מיין ווייב איז אַן אמתע יפת־תואר.

יעקב פראַנק:

אויב אַזוי שווייג ניט, שוטה, שווייג ניט! און בעת דו וועסט קומען אַהיים, זאָלסטו קושן דיין ווייב אונטער דער לינקער ברוסט. איר הערט, איר זאָלט קושן אייערע ווייבער אונטער דער לינקער ברוסט! וואָס שווייגט איר? טרייסלט די צוויי מלמדים. וואָס שווייגט איר?

בײדע מלמדים:
יאָ, רבי, מיר װעלן קושן אונזערע װײַבער אונטער דער לינקער ברוסט.

יעקב פראַנק:
װי רופֿט מען דיך?

צװײטער מלמד:
מאיר.

יעקב פראַנק:
װעסט זײַן בײַ מיר אַ דראַגונער, מאיר!

ערשטער שמש:
איך בין געקומען מיט אַ שליחות, ר׳ יעקב.

יעקב פראַנק:
װער, האַ? װאָס פֿאַר אַ שליחות?

ערשטער שמש
בײַט איבער דעם קול:
האָט געלאָזט מודיע זײַן דער ראש הרבנים, הרב הגאון ר׳ לײב פֿון מעזשיבאָזש, ניט צו מאַכן קײן לײטישע געלעכ־טער. עס איז אַ יריד אין שטאָט. ייִדן זײַנען אָנגעקומען פֿון אַלע פֿיר לענדער און ברױכן פּרנסה. און באָם יענקל מיט דער צונעמעניש פֿראַנק װעט ניט צוהערן די שטים פֿון די רבנים און ער װעט אַראָפּפֿירן ערלעכע ייִדן פֿון דרך־הישר, איז מען אים מתרה ומודיע, אַז מען װעט אים ניט אָנרופֿן בשם ייִד, און מען װעט אים מחרים זײַן און אױסשליסן פֿון כּלל ישׂראל. אמן.

יעקב פראַנק
שרײַט:
װאָס איז דאָס?! װער װעט מיך מחרים זײַן? רבנים? איך האָב ניט קײן רבנים! די רבנים מיט די שטרײַמעלעך זײַנען אַ קײט אױפֿן האַלדז! איך, יעקב פֿראַנק, בין דאָך געקומען מחרים זײַן זײ. יעקב פֿראַנק איז דאָך געשיקט

געוואָרן פון גאָט אַרויסצוטרייבן זיי, די רבנים, פון די בתי־מדרשים, אויסצומעקן די רבנים, כאַ, כאַ, כאַ! גיי, שמש, גיי זאָג אָן די רבנים, אַז היינט וועלן ביי מיר אין שטוב טאַנצן יידן מיט נאַקעטע ווייבער און די יידן וועלן דערפון גענעזן ווערן.

חיה

טרעט אַרויס פאָראויס:

גיי, שמש, גיב איבער ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער, אַז יעקב פראַנק שטייט העכער פון רבנישער תורה. און צי דען האָט אַזאַ גאון, ווי ר׳ לייב, ניט פאַרשטאַנען, אַז בעת יעקב פראַנק איז ניט געקומען בעטן צו אים אַ הסכמה, מסתמא דאַרף ער זיין הסכמה ניט האָבן? ער איז פון קיינעם ניט געשיקט געוואָרן און דעריבער טוט ער אַלץ אויף דער אייגענער אחריות. שטרענג. און צי דען האָט ניט געהערט ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער, אַז דער בישאָף פון פאָדאָליע וועט ניט לאָזן אָנרירן אַ האָר אויף דעם קאָפּ פון יעקב פראַנק? גיי, שמש, זיי זיך מטריח, גיב עס אַלץ איבער אים, ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער.

ערשטער שמש גייט אָפּ. יעקב פראַנק שפּרייזט איבערן צימער.

ערשטע יידענע

פאַלט צו מיט אַ געוויין צו יעקב פראַנקס פיס:

הייליקער רבי, אָ, העלף מיר אין מיין פיין?! האָב רחמנות אויף אַ יידישער נשמה, וואָס ווערט אָפּגעשניטן אָן אַ זכר פון דער וועלט. טו באַשירעמען מיט דיין אַכפּערקייט אויף אַ בלום, וואָס קאָן ניט בייסטיין די שטורעמווינטן און שלאַקסרעגנס...

יעקב פראַנק:

וואָס איז דאָס אַזוינס, האַ? וואָס איז עס פאַר אַ וויינען אינמיטן דערינען? וואָס ווילסטו, יידענע? און ווער איז עס די יונגע בלום?

ע ר ש ט ע   י י ד ע נ ע

קושט אים די פיס:

הייליקער מענטש, דאָס בין איך עס די יונגע בלום, די שוואַכע טויב, וואָס האָט ניט קיין נעסט — — —

י ע ק ב   פ ר אַ נ ק:

דאָס ביסטו די יונגע בלום... און די שוואַכע טויב... איז וואָס ווילסטו?

ע ר ש ט ע   י י ד ע נ ע

מיט געוויין:

פיר מאַנען געביטן, רבי, און קיין קינדער האָב איך ניט.

י ע ק ב   פ ר אַ נ ק:

ווי אַלט ביסטו?

ע ר ש ט ע   י י ד ע נ ע:

דריי און צוואַנציק יאָר, הייליקער רבי, דריי און צוואַנציק יאָר... נאָך אַ יונגער בוים און מען לאָזט אים זיין פרוכט ניט ברענגען.

י ע ק ב   פ ר אַ נ ק:

איז וואָס ווייסטו? אָט האָסטו דאָך אַ פולע שטוב מיט מאַנסביל, — קלייב אויס. אָט זיצט ישראלציק בעל־שם, גיב אים אַ פרעג, ער איז דאָך אויך אַ שטיקל מאַנסביל. און אָט איז זלמנקע, אַ וואוילער בחורל, אַ יונגע בלום, ווי דו.

ע ר ש ט ע   י י ד ע נ ע

קושט אים די פיס:

אַז זיי טויגן ניט, רבי, ווי טויגן ניט...

ח י י ה

הייבט איר אויף פון דער ערד:

וויין ניט, נאַרישע יידענע! נישקשה, ביסט נאָך יונג. און צו וואָס דאַרפסטו בכלל קינדער האָבן? זאָלן די מאַנסביל קינדער האָבן, נאַרישע יידענע!

יעקב פראַנק:

כאַ, כאַ, כאַ, זאָלן די מאַנסביל קינדער האָבן... כאַ, כאַ, כאַ...

דער בעש״ט:

אָט איך וויל עפּעס זאָגן... גייט צו. הערט זיך איין, איך וויל עפּעס זאָגן... טרייבט אַרויס די יידענע פון שטוב, טרייבט איר אַרויס, די חצופה... עס איז דאָך דאָ אַ גרויסע שטיקעניש... מע קאָן דאָך דאָ מער ניט עטעמען... ווייבער! ווייבער! און דו! וואַרף אַוועק די מעשיות מיט די נאַקעטע מיידלעך — — — דו ביסט דאָך אַ חולאת... צו וואָס דאַרפסטו עס?.. אָט האָסטו געזאָגט וועגן די רבנים... אַוודאי, אַוודאי, עס לאָזן ניט לעבן די רבנים... הענגען אָן מילשטיינער אויפן האַלז... אָט וואָס דו ביסט גערעכט...

יעקב פראַנק:

ישראלציק האָט זיך צערעדט... גיי שלאָפן, שמייגער איינער, דו ביסט דאָך פאַרוואַקסן מיט מאָך. אַלע גלידער דיינע זיינען דאָך פאַרוואַקסן מיט מאָך. ביסט באַמאָכט און באַגרעזלט געוואָרן. וואָס ביסטו געקומען אַהער? האָסט געגראָבן ליים אין די בערג, געהאַט פרנסה, וואָס האָסטו זיך מיטאַמאָל דערמאָנט? געקומען אַהער מיר זאָגן מוסר?

דער בעש״ט

זעצט זיך צוריק אויפן באַנק:

גאָר, איך זאָג עס גלאַט אַזוי...

דער עולם רוקט זיך צו נעענטער, קריכט איבער די קעפּ.

יעקב פראַנק:

ניין, ישראלציק, דו וואַרטסט דאָ אויף עפּעס. זיצט זיך איינגעוויקלט אינם טיזליק, רויכערסט די ליולקע און דו וואַרטסט... דו האָסט עפּעס אויף די ליפּן און ווילסט עס ניט אַרויסזאָגן. זעסט, יידן דאַרן, טריקענען, ווי די לולבים. עס לעכצט די נשמה, ניטאָ מיט וואָס צו עטעמען. מען

דאַרף אַראָפּגיסן אויף זיי אַלעמען אַ רעגן! ניין, יידן, איר ווילט ניט, עס זאָל אייך אַזוי אַ שטורעם דורכשווענקען די ביינדלעך? מען וועט אייך אונטערצינדן, אונטערצינדן אַזוי, אַז איר זאָלט שפּרינגען, ווי אויף הייסע קוילן. איר ווילט ניט שפּרינגען אויף הייסע קוילן?! אָ, די ווייבער! זיי וועלן אייך שוין אויפוועקן, זיי וועלן שוין אַוועקלאָזן אייך און אייערע בערד מיט פייער...

חייה:

יאָ, יאָ, עס האָבן די רבנים אויסגעזויגן פון אונז דעם תּמצית פונם לעבן. פאַרוויקלט דאָס גאַנצע פאָלק אין דינים, ווי אין שפּינוועבס. און אונז, די ווייבער, געמאַכט פאַר טרעטער אונטער די פיס. אָבער עס וויינט די נשמה אין דער פינס־טער. מער קענען מיר אַזוי ניט לעבן. דאָס רייד איך צו אייך, יידן, צו אייך! איך בין אַרומגעגאַנגען צווישן מענטשן, געזעסן גאַנצע נעכט איבער די הייליקע ספרים, אָבער אין די ספרים שטייט געשריבן עפּעס אַנדערש, אין די ספרים שטייט געשריבן עפּעס אַנדערש. זעט, זעט: עס נידערט אַראָפּ אויף אונז דאָס הייליקע ליכט פון דער מטרוניתא, פון דער גרויסער קיניגין, וואָס איז צוזאַמענגעגאָסן צוזאַמען מיט דעם אוראַלטן, מיט דעם קיניג פון אַלע וועלטן. עס זיינען הייליק פאַרבונדן אין די הימלען אָדם און חוה אין איין נשמה, ווי עס פאַרבינדן זיך דורך אַ קוש די געליבטע, נאָר אויף דער ערד זוכן זיי זיך. עס פליען אַרום און בלאָנדזשען די פונקען פון דעם איינציקן, הייליקן פייער. עס בענקט דער צעפּלטער מענטש פון מאַן און ווייב נאָך דער העכסטער ליכט, ער רייסט פון זיך די ליימענע בגדים און שפּרייט אויס די הענט צו גאָט, אָבער עס נידערט ניט אַראָפּ דער קודשא־בריך־הוא אין יענעם אָרט, וואו די מאַמע חוה איז פאַרטריבן געוואָרן, געמאַכט געוואָרן צו אַ דינסט, און וואו אָדם איז פאַרפייניקט געוואָרן אונטער דעם יאָך פון דעם לעבן און פון דער תורה. תא חזי בכל מקום דלא אשתכחתו דכר ונוקבא כחדא — קודשא־בריך־הוא לא שוי

מדוריה בהוא אתר... דער אייבערשטער וואוינט שוין ניט צווישן אונז... ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין די היכלות זיינע און קלאָגט אויף דעם צער השכינה. עס איז אַרויסגעטריבן געוואָרן דאָס לעבן פון אונזער האַרץ... יידן, עס איז נאָך צייט... פאַרשטויסן האָט מען אונז אין תהום אַריין... רייסט אַראָפּ די פעל פון אייערע נשמות...

דער עולם שטומט, מאַנכע וויינען שטילערהייט. חיה בלייבט פאַרשטאַרט

יעקב פראַנק

שרייט, גריילעך אויפגערעגט:

מאַטעוש! ציינד אָן אַלע לייכטער אין די שטיבער. מיר וועלן היינט טאַנצן פאַר גאָט. נאַקעטערהייט טאַנצן. ציינד אָן אַלע לייכטער, אַלע, אַז דער גאַנצער יריד זאָל באַלויכטן ווערן. אין העלן מיטן טאָג. מיר שרעקן זיך ניט, פאַר קיינעם ניט. העי, זאָלן די מענטשן גאַפן אויף אונז און מיר וועלן שרייען פאַר אים, אַז מיר ווילן פריי זיין. יידן, איך בין ניט משיח, איך בין געקומען לערנען אייך, ווי צו פירן מלחמות, מיט אַ שווערד אין האַנט. גענוג, יידן, גענוג! עס קומט אַרויס צו אייך די שכינה, איר זאָלט זיך בוקן פאַר איר. עס איז געשיקט געוואָרן צו אייך אַ מלאך, איר זאָלט זיך אויסציען אויף דער ערד פאַר אים. אַ טאָכטער איז מיר געגעבן געוואָרן פאַר אייך שענער פון אסתר המלכה, די אמונה איז אַראָפּ צו מיר אין הויז פאַר אייך? איר זאָלט אין טרערן פאַר איר מתפלל זיין, זינגען פאַר איר און טאַנצן פאַר איר. מאַטעוש! פיר אַרויס די יידן צו דער תפילה, די הונגעריקע גיב צו עסן און ציינד אָן אַלע לייכטער אין די שטיבער.

מאַטעוש:

קומט, עולם, קומט אַט=אָ=דאָ אין דער שטוב אַריין. עס וועלן שוין אַלע האָבן צום פרעסן און אַ נאַכטלעגער.

דער עולם שטופט זיך צום טיר רעכטס, ווי אַ משערעדע אין שטאָל אַריין.

יעקב פראַנק
(שרייט צום טיר:)

די הונגעריקע גיב צום עסן און טו אויס די ווייבער נאַקעט. מען זאָל אַראָפּוואַרפן די קאַפּאָטעס, נישקשה — עס מעגן יידן טאַנצן אין טלית־קטנס. צום בעש"ט. און דיר איז קאַלט, גולם, דו טוסט ניט אויס דעם טוזליק?

דער בעש"ט:

אַוודאי. עס איז משמעות אַ שטאַרקע קעלט אויף דרויסן.

צווייטער שמש
(עפנט האַסטיק די גאַס־טיר:)

גוט מאָרגן! פאַר אַנעך עס איז דאָס אויפן גאַס. דאָ וואוינט יעקב פראַנק?

יעקב פראַנק:

דאָ וואוינט יעקב פראַנק.

צווייטער שמש:

קאָן מען אים אפשר שיקן אַרויסרופן? איך בעט אייך! געקומען צו אים מיט אַ האַרבער שליחות און כ'האָב נאָר קיין צייט ניט. עס ווערט שפּעט און איך דאַרף נאָך קויפן אַ שטיקל ווייקשאַפּט אויפן יריד. עס איז ניטאָ אין וואָס פליש צום ווייקן, איר פאַרשטייט?

יעקב פראַנק:

דאָס בין איך יעקב פראַנק.

צווייטער שמש:

אַזוי? אַבי מען האָט געזאָגט — ער גייט אָנגעטאָן, ווי אַ טערק. (בייט דעם קול.) האָט געלאָזט מודיע זיין דער ראש־הרבנים ר' לייב מעדזשיבאָזשער צום צווייטן מאָל, ניט צו מאַכן קיין לייטישע געלעכטער. עס איז אַ יריד אין שטאָט. יידן זיינען אָנגעקומען פון אַלע פיר לענדער און ברויכן פרנסה. און באָס יענקל מיט דעם צונעמעניש פראַנק וועט ניט צוהערן די שטים פון די רבנים און ער וועט אַראָפּפירן

ערלעכע יידן פונם דרך־הישר — איז מען אים מתרה ומודיע, אז מען וועט אים ניט אָנרופן בשם ייד, און מען וועט אים מחרים זיין און אויסשליסן פון כלל־ישראל, אָמן!

י ע ק ב  פ ר אַ נ ק:

שוין געענדיקט?

צ ו ו י י ט ע ר  ש מ ש:

יאָ.

י ע ק ב  פ ר אַ נ ק

נעמט אים אַן פאַרן קאָלנער און שלעפּט אים צום טיר.

צ ו ו י י ט ע ר  ש מ ש

שרייט:

וואָס שלאָגט איר זיך, ר׳ יעקב? מען האָט מיך געשיקט אַהער — בין איך געגאַנגען. וואָס בין איך שולדיק? אַי, שטופּט זיך ניט אַזוי! וואָס איז עס פאַר אַ שטופּעניש?!

י ע ק ב  פ ר אַ נ ק

אין טיר:

עס זאָלן מער צו מיר קיין שמשים ניט קומען! זאָג אָן ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער, אַז זיין שיינע טעכטערל וועט נאָך אויך ביי מיר אין שטוב טאַנצן פאַר דער מטרוניתא.

שפּרייזט אַרום אויפגערעגט. עס איז דאָך שוין ניט אויסצוהאַלטן! גייט אַפּ לינקס.

ח י י ה

גייט צו צו ר׳ אלישען:

טאַטע, דו האָסט זיך געדאַרפט גיין צולייגן. עס איז ניט צו שווער פאַר דיר?

ר׳ א ל י ש ע:

אַך, ניין! איך בין דאָ מעיין אין אַ ספר. הפלא ופלא! דו האָסט אַמאָל אין אים אַריינגעקוקט? דאָס איז דער „שערי אורה״.

ח י י ה

בייגט זיך אַריבער צום ספר:

ווועסט מיר אים געבן, אַז דו וועסט מסיים זיין!

ר׳ א ל י ש ע:

יאָ, יאָ.

חייה גייט אַפּ רעכטס. עס שלאָגט אַרויס פון דער שטוב אַ געזאַנג און אַ שטאַרקע ליכט. עס דערהערט זיך אַ טרויעריק שפּילן אויף אַ האַרפע.

ר׳ א ל י ש ע:

און דו, זלמנקע, זיצסט און חלומסט. רעדסט ניט אַרויס אַ וואָרט?

ז ל מ נ ק ע:

יאָ.

ר׳אל י ש ע:

געקומען צו פוס אַוש פון ליטע. מען האָט געמיינט, עס וועט פון דיר אַרויסוואַקסן אַ גדול בישראל, אויב ניט אין נסתר, איז כאָטש אין נגלה. און דו זיצסט, קוקסט און טראַכסט עפּעס. וואָס טראַכסטו דען?

ז ל מ נ ק ע:

גאָרנישט.

ר׳ א ל י ש ע:

גאָרנישט. דאָס איז קיין ענטפער ניט! זעסט, עס קערט זיך איבער אַ וועלט, יידן פון אַלע מדינות זיינען אָנגעקומען — מען איז מיט עפּעס ניט צופרידן. וואָלסטו זיך פאַרטראַכט וועגן דעם, וואָס ווילן דען מיטאַמאָל יידן האָבן? וואָס פעלט זיי דען?

ז ל מ נ ק ע

שווייגט.

ר׳ א ל י ש ע:

ביסט נאָך אַ יונגער מענטש. האָסט זיך געדאַרפט מקרב זיין

צו אַ פּרויעקציע. וואָלסט זיך דערמאָנט אפשר אַ ביסל אָפּגעשוואַכט, אַ ביסל וועדיקער געוואָרן. הער זיך איין, זלמנקע, אַ מענטש, וואָס זעט ניט די אמתע וועלט מיט די חושים זיינע, אַ מענטש, וואָס זעט מיט דעם אנפּין אחוריים, מיט די אויסנווייניקסטע אויגן זיינע, נאָר סמאלן אין זיין קיניג־רייך, נאָר שלעכטס, זאָל ער זיך פּאַרטיפן און צוקומען צו דעם אנפּין פּנימיין, צו דער אינעווייניקסטער אויג און ער וועט דערזען אַפילו אונזער וועלט, דער עולם העשיה, אין איר הערלעכקייט. אָבער אַזוי, ווי דער אנפּין פּנימיין, זלמנקע, אַזוי ווי אונזער אינעווייניקסטע אויג באַקומט איר ליכט פון דער העכסטער ליכטיקייט, פון שר״א, וואָס גייט אַרויס פון דער באַהעפטונג פונם אוראַלטן מיט דער מטרוניתא, אַזוי באַקומט אַ מענטש אויף דער וועלט די אינעווייניקסטע אויגן צום זען נאָר דעמאָלט, ווען ער באַהעפט זיך מיט אַן אישה.

זלמנקע:

איך דאַרף ניט קיין אינעווייניקסטע אויגן, עס זיינען גענוג פאַר מיר די אויסנווייניקסטע.

ר׳ אלישע:

וואָס הייסט? ביסט דאָך אַ מענטש! ביסט דאָך געבאָרן געוואָרן ניט קיין שטיין, האָסטו גאָרניט קיין בענקעניש צו גאָט? זעסטו גאָרניט, ווי די מטרוניתא גייט אַרום איבער דער וועלט און הייסט וואַקסן די ביימער, און שפּרייט אויס די נעפּלען איבער די בערג און טאָלן?

זלמנקע:

איך זע ניט.

ר׳ אלישע:

זלמנקע, פילסטו ניט איר, די מאַמען פון אַלע זאַכן, וואָס מיר רעדן ביי איר אין שוים און וויגן פון אירע בריסטן? כל אינון דלתתא — מינה ינקין ובה מתברכין והיא איתקרי

אם לכלהו... הערסטו ניט אירע טריט? שמעקסטו ניט אירע
געווירצן?

ז ל מ נ ק ע:

איך שמעק ניט.

ר׳ א ל י ש ע:

טאָ צו וואָס ביסטו אַהער געקומען?

ז ל מ נ ק ע:

כ׳האָב אַ טעות געהאַט, ר׳ אלישע, כ׳האָב אַ טעות געהאַט...

*יעקב פראַנק אַנגעטאָן טערקיש גייט דורך פון רעכטס אויף לינקס. ביים עפענען די טיר, וואו עס געפינט זיך דער עולם, רייסט זיך אַרויס אויף דער בינע אַ ווילדער געשריי. עס דערהערט זיך חייהם שטים — זי זינגט לידער פון זוהר, באַגלייט פון אַ האַרפע. ר׳ אלישע, זלמנקע און דער בעש״ט הערן זיך אַנגעשטרענגט צו.*

ח י י ה ם ש ט י ם:

וואויל איז דער חלק פון דעם, וואָס קומט זיך אויף מיט
דער מטרוניתא, ווען זי גייט אַרויס מקבל פנים זיין דעם
מלך צו פאַרברענגען מיט אים.
וואויל איז דער חלק פון דעם, וואָס געפינט זיך ביי דער
מטרוניתא, ווען דער מלך טוט אויסשטרעקן זיין רעכטע האַנט
צו איר, אויפצונעמען איר.

איך הייב אויף די פליגלען פון פרימאָרגן און כ׳רו אויף
די ברעגעס פון ים.

און בעת עס קומט אַרויס דער פרימאָרגן —
די מטרוניתא איז זיך מזדווג מיט דעם מלך און ער שפּרייט
אויס זיינע פליגלען איבער איר.
און בעת עס קומט אַרויס דער פרימאָרגן —
עס שטייט אויף דאָס קינד, וואָס זויגט פון דער מוטערס
ברוסט און לייטערט זיי, און הייליקט זיי.

ביי טאָג פאַרזאָגט גאָט זיין חסד און ביינאַכט איז זיין לויב-
געזאַנג מיט מיר.

אַ ייד

שמעקט אַ ריין דעם קאָפּ דורכן פענסטער, שמעקט, קוקט זיך אַרום:

האָבן ניט וואוהין דאָס געלט אַהינצוטאָן! יידן שמאַכטן — און דאָ טרינקט מען גאָר בראַנפן, ווי די חזירים... און מען שפילט פירל דערצו!... גייט אָפּ שילטנדיק.

ר׳ אלישע:

בראַנפן טרינקט מען דאָ גאָר?! אַ פּוסטאונפּאַסטניק אַזאַ!

זלמנקע.

ר׳ אלישע, ווייסט איר ניט, פאָרן פון דאַנען סוחרים קיין בערלין?

ר׳ אלישע:

סוחרים, קיין בערלין? ווייער זעלטן, אָבער מען פאָרט. דאָ ניט לאַנג אַוועקגעפאָרן אַ סוחר פון בוסק. וואָסי, וואָס?

זלמנקע:

גלאַט אַזוי.

דער בעש״ט:

ווילסט גיין קיין בערלין לערנען דאָקטעריי? זאָלסט ניט גיין, זלמנקע. מיין עצה־טובה — בלייב אָט־אָדאָ, צווישן יידן. מען דאַרף אָפּוואַרטן.

מיטאַמאָל טוט זיך אַ ריס די טיר פון רעכטס. עס טאַנצן אַריין האַלב־אָנגעטאָנענע יידן און ווייבער באַוועגנדיק ווילד מיט די קערפּערס. יעקב פראַנק, חייה, הוהלע געפינען זיך צווישן עולם. דער איקראַינער בעל־עגלה האַלט אַ פאַלקע פון אַ גאַנז, טאַנצט אין בייסט הונגעריק פונם פלייש. אַ ייד אין אַ פעלץ טומלט, רייסט זיך די האָר פון קאָפּ און וויינט. די מלמדים שפּרינגען, ווי די בעק.

יעקב פראַנק:

טאַנצט, שלעפער, טאַנצט! שטאַרקער! טאַנצט אַרויס די בלאָטע פון די נשמות. העי, וואַרפט אַראָפּ די קאַפּאָטעס! טאַנצט! ר׳ אלישע, זלמנקע, אַהער אין טאַנץ אַריין! מיר וועלן אַזוי אַוועקטאַנצן איבערן יריד! עס איז אונז ניט גוט,

יידן. העי, טאַנצט, שלעפּער, טאַנצט! לויפט צו צום וואַנט און כאַפּט אַראָפּ אַ שווערד. בוקט זיך פאַר מיר!!! שנאָרער, ציט זיך אויס אַלע אויף דער ערד און קושט מיר די פיס! איך בין אייער מלך! געשיקט געוואָרן פון גאָט איך זאָל קיניגן אויף יידן. ציט זיך אויס אויף דער ערד!! כאַ, כאַ, כאַ!!!

אַלע ציען זיך אויס אויף דער ערד, אויסער חייה, חוולע און דער בעש"ט.

יעקב פראַנק:

אומגליקלעכע, זאָגט: איר ווילט האָבן אויף זיך אַ שררה! זאָגט: יידן האָבן שוין לאַנג ניט געהאַט קיין מלך און מיר בענקען נאָך אַ מלך!

אַלע:

מיר ווילן האָבן אויף זיך אַ שררה. יידן האָבן שוין לאַנג ניט געהאַט קיין מלך און מיר בענקען נאָך אַ מלך!

יעקב פראַנק:

און אָט איז זי, חוולע, מיין טאָכטער, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו אייך אויף דעם ווייסן אייזעלע!

אַלע

בוקן זיך פאַר איר:

זי איז געשיקט געוואָרן צו אונז אויפן ווייסן אייזעלע!

יעקב פראַנק:

העי, זאָגט: איר וועט דינען צו מיר! איר וועט זיין מיינע יוונים!

אַלע:

מיר וועלן דינען צו דיר! מיר וועלן זיין דיינע יוונים!

דער ייד אין פעלץ

קושט אים די פיס:

העלף מיר, רבי, מען וואַרפט מיך אַרויס פון פאַקט. גע- האַלטן צוואַנציק יאָר דעם פאַקט אין אַרענדע ביי די ראַד- זיווילס, איז פאַרבייגעפאָרן דאָס טעכטערל זיינע, די דוכסל,

אַ קוק געטאָן אויף מיר און געהייסן אַרויסוואַרפן. העלף מיר, הייליקער, לאָז מיר ניט גיין צום גרונט...

יעקב פראַנק:

די דופּסל וועט נאָך ביי דיר פּעטשערעס הייצן, שוטה!

ערשטע יידענע:

גיב מיר אַ קינד, הייליקער האַר, איך קאָן ניט לעבן אָן אַ קינד. איך קאָן ניט אויסהאַלטן מער. גיב מיר אַ קינד!

יעקב פראַנק:

וועסט האָבן אַ צווילינג, יידענע.

ערשטע יידענע:

אַ דאַנק דיר, הייליקער האַר, אַ דאַנק דיר, טייערער מיינער!

דער אוקראַינער בעל־עגלה:

איך בין הונגעריק! זאָל מען מיר געבן צום עסן! זאָל מען מיר געבן פינף גענז און אַ ביסל כריין דערצו!

יעקב פראַנק:

גענוג! אויפגעשטאַנען! כאַפּן זיך אַלע אויף פון דער ערד. טאַנצט! נעמט זיך אַרום אין אַ שער! לעבעדיקער! שטאַרקער טאַנצט! שרייט: עס זאָל לעבן אונזער מלך דער סעניאָר סאַנטאָ יעקב פראַנק!

אַלע:

עס זאָל לעבן אונזער מלך דער סעניאָר סאַנטאָ יעקב פראַנק!

יעקב פראַנק:

העי, שלעפּער! טאַנצט! טאַנצט! האָפּערדיקער! ברענט די ערד מיט די פיס!

יעקב פראַנק טאַנצט פאַראויס מיט דעם שווערד איבערן קאָפּ. זיי טאַנצן אַרויס אין דער צווייטער שטוב לינקס. אויפן בינע בלייבט נאָר דער בעש״ט. דורכן פענסטער פאַלט אַריין אַ שטיין, אַ שויב ווערט אויסגעבראָכן. דער בעש״ט גייט צו; הייבט אים אויף און לייגט אים אַוועק אויפן טיש מיט די שרייבגעציייג. חוהלע פירט אַרויס חיהן פאַרן האַנט.

חוו הלע
אויפגערעגט:

חייה, טייערע, איך וויל אייך עפּעס זאָגן. איך מוז אייך איצטער עפּעס זאָגן. פאַלט איר אויפן האַלז. אַך, עס ציטערט מיר עפּעס אינם בלוט. וואָס איז עס אַזוינס, האַ? אַ שטילע הייליקייט אַ פאָרבטערלעכע... און עס ציט מיר... עס בענקט זיך אַזוי... אַז מען מוז וויינען... עס ווילט זיך וויינען... עס איז ניטאָ פאַר דעם קיין ווערטער... איך האָב ניט פאַר דעם קיין ווערטער... חייה, טייערע!... קושט איר.

חייה:

אָבער ניט איצטער, חוו הלע!

חוו הלע:

אַך, ניין, ניין! איך קאָן ניט! חייה, הערט, איך האָב אים ליב... אים... זלמנקען! טוליעט זיך צו איר ברוסט.

חייה
גלעט איר איבער די האָר:

אָבער באַרויִק זיך, חוו הלע, וואָס ביסטו אַזוי אויפגערעגט?

חוו הלע:

גייט, חייה, גייט זאָגט עס אים. אַך ניין, זאָגט עס אים ניט, נאָר גייט אַריין און שיקט אים אַרויס אַהער. איך וועל אים אַליין זאָגן. האָט ער, זלמנקע, מיך אויך ליב? ווי מיינט איר, חייה? ער איז אַזאַ שטילינקער און ביי אונז אין שטוב איז אַ יריד. אונזער שטוב איז די מיאוסטע אין דער וועלט. גייט, נו גייט! ער האָט מיך אויך מסתמא ליב?! האַ?

חייה:

אַוודאי האָט ער דיך ליב, נאַריש קינד! גייט אָפּ.

דער בעש"ט:

אַ גיהנום איז דאָך דאָ. אַ טערקישער גיהנום. מען האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף הייסע קוילן, אָבער זעט, יידן, מען וועט אַוועקגיין מיטן פייער. אַלע ביז איינעם...

**ח ו ו ה ל ע**

באַמערקט אים:

וואָס זאָגט איר, ר׳ ייד?

**ד ע ר  ב ע ש ״ ט:**

גאָרנישט.

זלמנקע קומט אַריין, שאַרט זיך אַרום די ווענט, ער ווייסט ניט וואָס אָנהייבן צו ריידן.

**ז ל מ נ ק ע:**

חייה האָט מיר אַרויסגעשיקט אַהער. געזאָגט, איר דאַרפט מיך האָבן.

**ח ו ו ה ל ע:**

יאָ, אַ שטילשווייגן. איך האָב געמיינט, כ׳האָב געמיינט, אַז איר ווילט ניט טאַנצן מיט די יידן... דער טאַטע האָט גע־זאָגט, אַז איר ווילט ביי אונז ניט בלייבן... איר ווילט שוין אַוועקגיין ווייטער...

**ז ל מ נ ק ע:**

כ׳ווייס ניט. איך האָב מיך מיישב געווען. עס איז ניטאָ וואוהין צו גיין.

**ח ו ו ה ל ע:**

אייך, זלמנקע, געפעלט דאָ ניט ביי אונז?

**ז ל מ נ ק ע**

שווייגט.

**ח ו ו ה ל ע:**

פון וואַנען זייט איר געקומען, פון ווייט?

**ז ל מ נ ק ע:**

פון ווילנע. מען האָט געזאָגט ביי אונז אין דער ישיבה, אַז יעקב פראַנק איז אַ גרויסער למדן. ער האָט אָפּגעפּרעגט דעם רמב״ם. איך בין געקומען אַהער. געגאַנגען זעקס וואָכן צופוס. שטיל. איך האָב אויך אָפּגעפרעגט דעם „מורה נבוכים“. געוואָלט לערנען ביי אים...

חוה לע:

נו? דער טאַטע קאָן נים?

זלמנקע

שווייגט.

חוהלע:

ער קאָן טאַקע נאַרנישט, נאַרנישט? זלמנקע, ער קאָן גאַר־ נים לערנען?

זלמנקע

שטיל:

ניין, ער איז אַן עם־הארץ.

חוהלע:

אָבער, זלמנקע, בלייבט דאָ ביי אונז. איר זאָלט נים אוועק־ גיין, איר ווילט, וועל איך אייך אויסנייען אַ תפילין־זעקל מיט גאָלד? איר וועט לערנען אין בית־מדרש נים ביי מיין טאַטן...

עס דערהערט זיך אַ שטאַרקער קלאַפּן אין די טירן. יידן און ווייבער לויפן אַרוים פון לינקס, דרייען זיך אַרום אויף דער בינע, לויפן אַריין אין דער שטוב רעכטס.

אַ יידענע:

ווי! מען האָט אונז אומגליקלעך געמאַכט! מען וועט אונז פאַרשמידן אין קייטן!

ערשטער מלמד:

מאיר, ראַטעווע זיך, לאָמיר זיך באַהאַלטן! קריכט אַרונטער אונטערן טיש.

צווייטער מלמד:

איייזיק, וואו ביסטו? ווי, קום לאָמיר אַרויפקריכן אויפן אויוון!

ביידע קריכן אַרויף אויפן אויוון. די ערשטע יידענע לויפט נאָך זיי. מען ברעכט אויף די טיר פון גאַס. עס קומען אַריין ר׳ לייב מעזשיבאָזשער באַגלייט פון צוויי פּוילישע סאָטסקעס. הינטער אים רייסן זיך אַריין פון גאַס יידן און ווייבער. יעקב פראַנק און חיה קומען אַרוים פון לינקס.

ר' לייב מעדזשיבאָזשער:

אין הימל איז אונזער עדות, אַז מיר האָבן ניט געוואָלט אָנקומען צו דינים פון מלכות. צוויי שמשים האָבן מיר געשיקט און די שלוחי־בית־דין זיינען געטאַדלט געוואָרן אויפן ערגסטן אופן. עוכר ישראל, דו ווילסט אומברענגען דאָס פאָלק! פירסט אַראָפּ יידן פון וועג! טרייבסט זנות בפרהסיה! עס זאָל פאַלן אויף דיין קאָפּ דער חטא פון ירעבם בן נבט און דיין נאָמען זאָל ווערן צו שאַנד ביים כלל־ישראל!

די סאַטסקעס דערנעענטערן זיך צו יעקב פראַנק.

יעקב פראַנק:

ווער וויל אָנרירן מיך, יעקב פראַנק, דעם געבאָרענעם פירשט פון סמירנע? ווער וויל אַרויפלייגן אַ האַנט אויף מיר, אויף דעם זון פון שבתי־צבי, דעם געשיקטן פון גאָט, אויף מיר — דעם מלך פון די יידן?!!

פאָרהאַנג פאַלט.

# צווייטער אַקט

די אייגענע שטוב, וואָס אין ערשטן אַקט. יידן און ווייבער זיצן איינגעטוליעטע אויף די בענק, מאַנכע דרייען זיך אַרום איבערן שטוב מיט טשיקאַווע פּנימער. דער בעש״ט זיצט לינקס ביים שולחן מיט דער ליולקע אין מויל, ר׳ אלישע לעבן אים זיצט אויפגערעגט, האַלט אַ ספר אין האַנט, אָבער ער קוקט אויפן עולם. דער עולם רעדט צווישן זיך שטילערהייט. זלמנקע שטייט לעבן אָרון־קודש, פּאַקט איין אין אַ קליין פּעקל די ספרים־לעך זיינע. ביים ספרים־אַלמער אויף אַן אַ״ים. געשפּרייטן טעפּיכל זיצן נחתדיק די צוויי מלמדים און רויכערן פון איין נאַרגילע, ביטן זיך אַלע ווײַלע מיט דעם טשיבוק און קוועלן אָן פון תענוג. ביים טיש רעכטס זיצט בהרחבהדיק יעקב פראַנק, שרייבט מיט אַ געגוזענעם פעדער אויף אַ גרויסן פּאַפּיר. אין שטוב איז האַלב־טונקל, הגם עס איז האַלבער טאָג.

י ע ק ב  פ ר אַ נ ק

אויפגערעגט:

רבנים! אַרייַנגעוואָרפן ייִדן אין די תּפֿיסות. רבנים מעגן. עס איז ניטאָ קיין משפּט אויף זיי. מלכים איבער די ייִדן, נאָר אָן שליפּעס. און איך זאָג — גענוג! אַ סוף צו דער תּקיפֿות פֿון די ייִדענע ייִדן... שלמה! רופֿט מיר אַרייַן שלמהן! עס ליגן ייִדן שוין צוועלף מעת־לעת אָן עסנוואַרג. טרפֿות עסט מען ניט... שלמה קומט אַרייַן. דו ביסט דאָ? — נעם אָט דעם פּאַפּיר. און אָט איז געלט — באַזאָרג עסנוואַרג. און זאָלסט אַרייַנקומען למ״ה אין תּפֿיסה אַרייַן. כּאַבאַר, ברודערקע, כּאַבאַר יעדערן! די מצווה פֿון פּדיון־שבֿויים...

ר׳ א ל י ש ע:

אָט דאָס, וואָס מען האָט פֿאַרמסרט דעם בישאָף, אַז רבנים לעסטערן זייער גאָט, איז נאָר אַ האַרבע עבֿירה... ה״י... נאָר אַ האַרבע עבֿירה... מען טאָר עס ניט טאָן, ר׳ יעקבֿ.

י ע ק ב  פ ר אַ נ ק:

מען מעג. מען מעג. אין מיין תּורה שטייט, אַז מען מעג. ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער האָט פֿאַרשמידט ייִדן אין קייטן — מעג איך זיי אויסלייזן. שלמה! געבראָטענע עופֿות זאָלסטו זיי ברענגען אין תּפֿיסה אַרייַן. און זאָג זיי, אַז דער סעניאָר סאַנטע וועט ניט רוען... ער וועט זיי אויסלייזן... דער סעניאָר סאַנטאַ פֿאַרלאָזט ניט זיינע אונטערטעניקע... נעם מיט אַ פּאָר ייִדן, זיי זאָלן דיר העלפֿן. צום טעליקן ייִד. העי, דו טילנער, דו וועסט מיטגיין מיט שלמהן באַזאָרגן די שבֿויים.

**דער מעליקער ייד:**

טשאַהאָש, באַטקאָ טי מאָי, או מאַניע פּיטאַיעש? קאָלי ניטשאָהאָ ראַזביראַטש ניע מאַהו. קאַב מאַניע וואָלקי סיעלי!

**יעקב פראַנק:**

וואָס איז דאָס?

**שלמה:**

אַ ישובניק פון רייסן. קאָן, נעבעך, קיין יידיש ניט ריידן. פאַרגרעבט געוואָרן אויפן דאָרף. רעדט נאָר גויִיש.

**יעקב פראַנק:**

אַזוי? — נעם אים מיט. אַזוי גאָר — פאַרגרעבט געוואָרן?! נעם אים מיט. און אונטערוועגנס זאָלסטו אים לאָזן אָפּשערן די פּאות און דאָס ציגענע בערדל. זאָג אים — ער זאָל פאָרן אַ היים. ניט מל זיין די קינדער. ניט שיקן ווינטער די ווייב אין דער פּראָלעווקע. ווי רופט מען אים?

**שלמה:**

יאַק נאַזיוואַ שיען?

**דער מעליקער ייד:**

מאָוושאַ זאַסקוויטשעסקי.

**יעקב פראַנק:**

מאָוושאַ! זאָג אים, אַז פון היינט אָן רופט מען אים פּעטריוק! און טייטש אים אויס, דעם גולם, ער זאָל זיך ניט אַרויסגעבן מער פאַר אַ ייד. נעם אים מיט.

**דער בעש"ט:**

טרייבט אַריין יידן אין שמד!!

יעקב פראַנק טוט אויף אים אַ בייזן קוק, אָבער ענטפערט ניט.

**יעקב פראַנק:**

און אייך, ר' אלישע, דאַרף איך אויף איין ווייליטשקע האָבן... מכוח אַ שטיקל קבלה. שרייט נאָך שלמהן. דו זאָלסט

איבערגעבן די שבועים, ווי זאָלן זאָגן דעם יהי־רצון פאַר דעם סעניאָר סאַנטאַ, וועלן זיי געהאָלפן ווערן.

ש ל מ ה:

יאָ, שלמה און דער מעליקער ייד גייען אָפּ.

י ע ק ב  פ ר אַ נ ק:

זעצט זיך אַט־אָדאָ, ר׳ אלישע. איר האָט טאַבאַק אין דער ליולקע? אָט איז טאַבאַק טערקישער.

ר׳ א ל י ש ע:

דאָס איז דאָך אַ האַרבע עבירה... גאָר אַ האַרבע עבירה... ווי אַזוי טוט מען עס אָפּ אַזאַ זאַך?!... ה״י.

ד ע ר  ב ע ש ״ ט:

עס האָט זיך אין אים אויפגעכאַפּט די חייה, אין מורגו ר׳ יענקל.

י ע ק ב  פ ר אַ נ ק:

ישראלציק, ברענג מיך ניט אַרויס פון געדולד! ישראלציק, דו האָסט זיך אָוועקגעזעצט ביי מיר אויפן קאָפּ און אין דער שטיל טאָטשעסטו מיך טאָג און נאַכט.

ד ע ר  ב ע ש ״ ט:

און דו מיינסט, אַז עס איז מיר אַ תענוג צו זיצן אָט־אָדאָ ביי דיר אין דיין בתי־זונות?

י ע ק ב  פ ר אַ נ ק:

טאָ וואָס זיצסטו דאָ? וואָס זיצסטו דאָ?

ד ע ר  ב ע ש ״ ט:

וואָס זיץ איך דאָ? כ׳וויים... הם... עס איז נאָך מסתמא די צייט ניט געקומען.

י ע ק ב  פ ר אַ נ ק

גייט צו אים צו, קוקט אים אין די אויגן אַריין.

וואָס?

ד ע ר  ב ע ש " ט

*שטייט אויף:*

יענקל, איך זאָג עס איז נאָך מסתמא די צייט ניט געקומען. אַז די עפּל זיינען נאָך ניט צייטיק געוואָרן אויף די ביי־מער, — צו וואָס דאַרף מען האָבן דעם גערטענירער?... הם... עס איז דאָ אַזאַ קעלט אין שטוב... *גייט צו צום אויוון.* און דער אויוון איז אויך ניט גאַנץ וואַרעם. מילא... מיר וועלן אַרויפקריכן אַ ביסל אָנוואַרעמען זיך.

א י י ד:

איין מאָל אין אַ נאָווינע, ר׳ ישראל, כע, כע, כע...

*דער בעש"ט קריכט אַרויף אויף דעם אויוון, יעקב פראַנק בלייבט שטיין פאַרטראַכט.*

מ אַ ט ע ו ש

*קומט אַריין:*

עס זיינען אָנגעקומען שלוחים פון מערן און געבראַכט מתנות דעם סעניאָר סאַנטאַ.

י ע ק ב  פ ר אַ נ ק

*שווייגט.*

מ אַ ט ע ו ש:

עס זיינען אָנגעקומען צוויי הונדערט יידן, ווייבער און קינ־דער פון דעם קאָזאַקן־לאַנד, ליגן אויסגעלייגט פאַרן שטוב מיט דעם האָב און גוטס און וואַרטן מען זאָל זיי אויפנעמען.

י ע ק ב  פ ר אַ נ ק

*שווייגט.*

מ אַ ט ע ו ש:

ר׳ לייב מעדזשיבאָזשערס טאָכטער איז אַנטלאָפן פון מאַן, געקומען צו פליען אַהער אַ האַלבנאַקעטע...

י ע ק ב  פ ר אַ נ ק:

ר׳ לייב מעדזשיבאָזשערס טאָכטער? ר׳ לייב מעדזשיבאָ־זשערס!... שוין! כאַ, כאַ, כאַ! מאַטעוש, הייס אויסרופן

פֿאַר די ייִדן, אַז עס איז הײַנט יום־טובֿ. ר׳ לייב מעדזשי־
באָזשער איז געשלאָגן געוואָרן! ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער, וואָס ליגט ווי אַ חיה אויפֿן פֿעלד, וואָס האַלט די קייטן אין זײַנע הענט. הייב אויסרופֿן, אַז דער סעניאָר סאַנטאַ האָט געהאַט דעם ערשטן ניצחון. שרײַט צום אייוון. ישׂראליק, דיך וועל איך באַלד אַרויסוואַרפֿן אויפֿן נאַס. וועסט בײַ מיר פֿרירן אין קעלט, ווי אַ געשלאָגענער הונט. נערטענירער דו! צו מאַטעוש. טראָג אַרויס ברויט פֿאַר די ייִדן, מאַך פֿאַר זיי אַ נאַכטלעגער. מאַטעוש גייט אָפּ. און אײַך מוז איך איצטער האָבן, ר׳ אלישע, מכּוח אַ שטיקל קבלה...

ר׳ אלישע:

נו וואָס? האַ, נו וואָס?

יעקבֿ פֿראַנק:

זאָגט מיר, ר׳ אלישע, זאָגט מיר, וואָס רעדט זיך דאָרטן אין דעם זוהר הקדוש מכּוח די „דריי״? חיה האָט דאָס אָנגעהויבן בײַנאַכט געוויינען... אַלע האָבן שוין געשלאָפֿן...

ר׳ אלישע:

וואָסערע דריי, האַ? דו מיינסט אַוודאי מכּח דעם אוראַלטן, די מטרוניתא און דעם קינד, וואָס זויגט פֿון זײַן מוטערס ברוסט?

יעקבֿ פֿראַנק:

נו, יאָ, יאָ.

ר׳ אלישע:

הערסטו, דער אוראַלטער, דער עתיקא קדישא איז געגליכן צו דער זון, וואָס גייט אויף באַגינען, און די מטרוניתא צו דער לבֿנה אויפֿן הימל. און אַז עס קומט פֿאַר די הזדווגות צווישן דעם מלך און דער מלכּה, ווערט דעמאָלט געבאָרן אַ נײַע נשמה אויף דער וועלט. און אויף דעם זאָגט דער זוהר: נשמתא קדישא מזווגא דמלכּא ומטרוניתא נפקת כּמה גופֿא דלתתא מדכּר ונוקבא.

יעקב פראַנק:

און וואָס איז די מטרוניתא... אַזוי טאַקע אַן אמתע אישה מיט היפטן, מיט ברוסטן... וואָס?

ר' אלישע:

ניין, ניין! חס מלהזכיר, יענקב. וואָס רעדסטו?! ברוסטן האָבן נאָר די נשים אויף דער וועלט, אין דעם עולם העשיה, כדי מרמז צו זיין אויף איר, אויף דער מטרוניתא, וואָס האָט ניט קיין בילד און ניט קיין געשטאַלט.

יעקב פראַנק:

אַזוי?... ווייבער האָבן די ברוסטן נאָר כדי מרמז צו זיין... און די וואָרצעלעך?...

ר' אלישע:

וואָסערע וואָרצעלעך?

יעקב פראַנק:

פאַרשטייט איר מיך, די ווייבערשע ברוסטן האָבן אויך וואָרצעלעך...

ר' אלישע:

אַזוי גאָר?... זע, און איך האָב עס גאָרניט געוואוסט... אין וואָס פאַר אַ ספר האָסטו עס געזען?

יעקב פראַנק:

אין ספר פראַלניק... נו, און ווער איז דער דריטער?

ר' אלישע:

דער דריטער איז דער תינוק שיונק משדי אמו, די נשמה. בעת עס איז זיך מתדבק דער כתר מיט דער תפארת, ווערט געבאָרן מלכות. דאָס איז די ממשות פון דעם עתיקא קדישא אין דער יצירה.

יעקב פראַנק:

דאָס הייסט, אַז עס ווערט געבאָרן אַ זון?

ר׳ אלישע:

נו, יאָ, מען קאָן אײַך זאָגן, אַז פון דער הודוונות ווערט געבאָרן אַ זון, אָבער אַלע דרײַ זײַנען נאָר דער אײנציקער נאָמ, כולא התקשר בחודא חד.

יעקב פראַנק

שטױט אױף:

אױב אַזױ איז גוט, ר׳ אלישע. רופט אַרײַן ר׳ לײב פון נאַדוואָרנע! איר וועט זיך מטריח זײַן, ר׳ אלישע, צוגײן אױף אַ רגע מיט ר׳ לײב נאַדוואָרנער צום בישאָף. און טאָמער עס וועט אױסקומען, וועט איר אים העלפן דאָרטן מבאר זײַן דעם ענין מכח די „דרײַ“. ר׳ לײב קומט אַרײַן. לײב, דו גײסט מיט ר׳ אלישען צום בישאָף, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט. פאַרשטאַנען?

ר׳ לײב פון נאַדוואָרנע:

יאָ.

יעקב פראַנק:

ייִדן, צדיקים, וועסטו זאָגן, גלײבן באמונה שלמה אין די דרײַ, ניט אַזױ, ר׳ אלישע?

ר׳ אלישע:

יאָ, יאָ, אַוודאי!

יעקב פראַנק:

מאַמעניו, טו אָן דעם פעלץ ר׳ אלישען. נו, מיט דער רעכטער פוס!

ר׳ אלישע און ר׳ לײב פון נאַדוואָרנע גײען אָפּ.

יעקב פראַנק

גײט צו צו די מלמדים:

און איר, מלמדים, איר זיצט און איר רײַבערט אַ נאַרגילע. עס זײַנען אָנגעקומען ייִדן פון דער פרעמד, וואָס גײט איר ניט אַרױס אָפּגעבן שלום? מלמדים אײנע!... און אַהײם גײן ווילט איר ניט?

ביידע מלמדים:

ניין, רבי, אַהיים גיין ווילן מיר ניט.

יעקב פראַנק:

אָבער אַזוי רויכערט מען קיין נאַרגילעס ניט, ליבינקע. מען נעמט אַרונטער די פּיס אונטער זיך... פאַרבויגט זיי די פּיס. אָט אַזוי... און מען בויגט זיך איבער אַ ביסל אָן אַ זייט, ווי די אמתע טערקן.

ביידע מלמדים:

כע, כע, כע! ווי די אמתע טערקן.

יעקב פראַנק:

יאָ, יאָ, ווי די אמתע טערקן.

חיה

קומט אַריין:

וואו איז דער טאַטע? איז ער ניט געווען דאָ אין שטוב?

יעקב פראַנק:

ער איז ערגעץ צוגעגאַנגען מיט לייב נאַדוואָרנער... צום בישאָף.

חיה:

צום בישאָף?

יעקב פראַנק:

עס האָט געשיקט דער בישאָף בעטן מען זאָל אים דער-קלערן אַ בלעטל זוהר. נו, האָט ער זיך שוין געמוזט מטריח זיין... ר׳ אלישע... מען קאָן דאָך ניט אָפּזאָגן.

חיה:

עס איז אָבער אַזאַ קעלט. און אין שטאָט איז אומרויק. ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער האָט אויסגערופן אַ תענית.

יעקב פראַנק:

צוליב דער טאָכטער?

ח י י ה:

צוליב די גזרות, יעקב, דו האָסט צופּיל געבויט אויף דעם בּישאָף. איך וויל דיך נאָר וואָרענען.

י ע ק ב   פ ר אַ נ ק:

זיי רויק, חיה. זיין דורכלויכטיקע הייליקייט דעמבּאָווסקי וועט זיין בּישאָף אויף אייביק. ער וועט זיך אין דעם עלטערן, כאַ, כאַ, כאַ!...

ד ע ר   א ו ק ר אַ י נ ע ר   ב ע ל=ע ג ל ה

לויפט אַריין פון גאַס, שרייט:

יידן, פּאַקט זיך! וואו איז מיין זעקל? וויי, וואו איז מיין זעקל? ווער האָט אַרויסגענומען מיינע נייע שטיוול? וואו איז מיין מוזליק? שטייט ניט ווי ליימענע גולמים!

אַלע לויפן, כאַפּן זיך צו די פּעקלעך.

י ע ק ב   פ ר אַ נ ק

נעמט אים אָן פאַר דעם קאָלנער:

יוואָס איז!

ד ע ר   א ו ק ר אַ י נ ע ר   ב ע ל=ע ג ל ה:

לאָזט אָפּ, העי, לאָזט אָפּ! איך וועל אייך בּאַלד דערלאַנגען מיט עפּעס איבּערן מוח!

י ע ק ב   פ ר אַ נ ק:

וואָס איז? מען פרעגט ביי דיר, וואָס איז?

ד ע ר   א ו ק ר אַ י נ ע ר   ב ע ל=ע ג ל ה:

דער בּישאָף... ימח שמו... געהייסן אויסקוילן אַלע יידן. אַלעמען... ניט איבּערלאָזן קיינעם אויף אַ רפואה. יעקב פראַנק לאָזט אים אָפּ. וואו איז דער בּייטש מיינער? אַוועקגעשטעלט אָט דאָ אין ווינקל דעם בּייטש... אָנגעטראָפן דעם רבס אַ שמש, ער גייט אויף אַהער אָנזאָגן די גוטע בשורה.

י ע ק ב   פ ר אַ נ ק:

לייגט אַוועק די פּעקלעך, דראַניצעס. קיינער וועט אייך ניט

קוילן, קיינער ניט! אַט די זיינען עס די אויסדערוויילטע, דער בחיר, צו ווערען איך בין געשיקט געוואָרן. שלעפּער, פאַרוואָס בין איך געבאָרן געוואָרן צווישן אייך?

אַלע צעלייגן זיך אין די ווינקעלעך. יעקב פראַנק גייט אום אויפגערעגט.

יעקב פראַנק:

עס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער שטרייט. מען גייט אַרום אויף דעם שאַרף פון אַ שווערד. ס'האָט זיך אַ טרייסל געטאָן איינמאָל פאַר אַלע מאָל דער באַרג. רבנים נעמען ציטערן ווי די בלעטער... און זיי, די שנאָרער, כאַפּן זיך צו די פּעקלעך... איך דאַרף האָבן חייל... עס זאָלן שטיין יידן מיט די ביקסן אין די הענט און שיסן אַפילו אין דעם אייגענעם טאַטן... וואוהין וועט איר לויפן? וואו האָט איר אַן אָרט אויף דער וועלט, אומגליקלעכע!

ערשטער מלמד:

אַ בעל-עגלה בלייבט אַ בעל-עגלה. מען האָט שוין געמיינט, אַז די וועלט איז אונטערגעגאַנגען.

דער ייד אין פּעלץ:

סאַר אַ געשרייען! געריוועט ווי אַ גוי!... ווי מיינט איר, רבי, וועט מען טאַקע ניט קוילן קיין יידן?

יעקב פראַנק:

ניין. געזאָגט אייך איינמאָל, אַז ניט!!!

ערשטער שמש

קומט אַריין:

הרב הגאון ר' לייב מעדזשיבאָזשער און די דיינים זיצן אין בית-דין-שטיבל, זיינען זיך מיישב וועגן די גזרות, וואָס זיינען אָנגעקומען אויף יידן צוליב די רציחות פון יעקב פראַנק. זיי האָבן אים פאַרבעטן אויף אַ דין-תורה — ער זאָל זאָגן וואָס ער וויל און וואָס ער האָט צו יידן.

יעקב פראַנק:

אַזוי?... האָט מען שוין געלאָזט פאַרבעטן יעקב פראַנק צו

זיך אויף אַ דין־תּורה?!... איבערגעבעטן זיך... הער, שמש, וואָס דערציילט מען עפּעס, אַז די טאָכטער פון ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער איז אַנטלאָפן צו יעקב פראַנק? האַ, איז עס טאַקע אמת?... נו, טייערער, גיי גיב איבער דעם בית־דין־צדק, אַז אויב ער, הרב הגאון ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער, וויל זיך דורכריידן מיט מיר, ווייסט ער וואו איך וואוין. מיין שטוב שטייט מיט איין זייט צום שול־הויף און מיט דעם אַנדער זייט צום מאַרק, און איז אָפן פאַר אַלעמען, פאַר יעדערן... גיי, טייערער, גיי, קענסט שוין גיין! שמש אָפּ.

חיה:

עס ברעכט זיך די וואַנט.

יעקב פראַנק:

ער האָט זיך שוין איבערגעבעטן... ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער האָט זיך שוין איבערגעבעטן... ער וויל שלום.

זלמנקע

גייט צו מיט דעם פּעקל אויף די פּלייצעס:

געקומען, רבי, זיך זעגענען. איך קלייב זיך שוין היינט אַרויס אין וועג.

יעקב פראַנק:

גייסטו שוין אַוועק, זלמנקע. עס איז דיר ביי אונז ניט געפעלן געוואָרן. און חוולעון (?) האָסטו געזאָגט, אַז איר טאַטע איז אַן עם־הארץ. ער קאָן גאָרניט לערנען?

זלמנקע

שווייגט.

יעקב פראַנק:

נו יאָ, נו יאָ... יעקב פראַנק איז אַ פּראָסטאַק. ער האָט וויכטיקערע זאַכן, ווי צו לערנען תּורה... אָבער דו האָסט דאָך מיר געקאָנט זאָגן, וואָס דו האָסט אויפן האַרצן, זלמנקע?

זלמנקע

שווייגט.

יעקב פראַנק:

וואָס שווייגסטו, האַ?

זלמנקע:

אַז איר וועט ניט פאַרשטיין, רבי?

יעקב פראַנק:

אַזוי... ברוך שפּינאָזע מיינער. איך וועל דיך ניט פאַרשטיין... אָבער אַט זיינען דאָך דאָ אין שטוב מענטשן, וואָס וואָלטן דיך יאָ פאַרשטאַנען. אָט שטייט ד'ערבייַ חיה — נעם דער־קלער איר, וואָס האָסטו אויסגעטראַכט... דו גלייבסט ניט אין גאָט, וואָס?

זלמנקע:

שווייגט.

יעקב פראַנק:

האַ, דו גלויבסט ניט אין גאָט?

זלמנקע:

ניין.

יעקב פראַנק:

אַזוי, זלמנקע, ביסטו מיר פון די דאָזיקע בחורימלעך! אַזוי... איך וואָלט דיך געמאַכט פאַר אַ מאַרשעלעק, ווען דו בלייבסט איבער צווישן אָט־אָ־די שלעפּער.

חיה:

אָבער פאַרוואָס גייסטו ניט אַריין צו חוהלען זענענען זיך? זי האָט דאָך אויסגענייט פאַר דיר אַ תפילין־זעקל, זלמנקע.

זלמנקע:

איך האָב זיך עם טאַקע געקליבן אַריינצוגיין.

חיה:

נו, טאָ קום מיט מיר. מיר וועלן זיך זענענען. און אויף הוצאות, זלמנקע, האָסטו דאָך אויך ניט?

חייה און זלמנקע גייען אַפּ לינקס. יעקב פראַנק גייט צו צום פענסטער, קוקט אַרויס אויף דרויסן, שפּאַנט אום אַ פּאָר מאָל איבערן שטוב פאַרטראַכט און גייט אַפּ נאָך זיי.

**ערשטער ייד:**

אַן אַפּיקורס אַ יונג. צו וואָס יידן זיינען שוין געקומען!...
אַמאָליקע יאָרן וואָלט מען אַזוינע חברה־לייט דורס געווען.

**צווייטער ייד:**

הייינטיקע צייטן... הפקרות... קינדער הערן ניט, וואָס די מאַמעס זאָגן...

**דריטער ייד:**

אַי, קיינער איז ניט בעסער, ר' ייד... אַ שטילשווייגן.

**דער בעש"ט**

פון אויוון מיט אַ ניגון פון תהילים:

נאָט, איך בין פאַרמיעט געוואָרן אין פיין און מיין נשמה
ווייִנט צו דיר.
די שטילע פרייד פון דיין דאָרף באַלייכט אָרעמע און עלנטע.
עס בעטן צו דיר מענטשן פון די בוידימער, פון הינטער די
אויוונס אויף אַ פראָסטער שפּראַך.
גאָט, די תפילות, וואָס פליען צו דיר, ווי גרויע פויגל,
ווערן פאַרפראָרן אין קעלט און שניי.
זע, איך בין שוין געוואָרן, ווי אַ קאָרטש אַליין אין פעלד,
ווי אַ פאַרשפּעטיקטער פייגל אין וואַלד.
בלייבט שטיל.

**ערשטער ייד:**

גילדערנע ווערטער!

**צווייטער ייד:**

אָט ער איז נאָך דער איינציקער ערלעכער ייד, וואָס איז איבערגעבליבן אויף דער וועלט.

**דריטער ייד:**

הייִנט זיינען קמיעות, זיינע אָפּשפּרעכענישן!... וואָס ווייסט איר?... ער איז אַ מוראדיקער בעל־מופת!...

פערטער ייד:

ר׳ ישראל איז נאָך ניט נתגלה געוואָרן... אָט וואָס!... און אַז ער וועט בע״ה נתגלה ווערן, וועט מען קענען אָפּעטעמען און מען וועט טאַקע האָבן פּרנסה מיט אַ פולער האַנט.

דער בעש״ט

פון אויוון:

תפילה לעני כי יעטף ולפני ה׳ ישפך שיחו...

די יידן זאָגן אים נאָך, מאַנכע בינדן איף די פּעקלעך און נעמען אַרויס די תהילימס.

אַלע:

תפילה לעני כי יעטף ולפני ה׳ ישפך שיחו.

דער בעש״ט:

ה׳ שמעה תפילתי ושועתי אליך תבא...

אַלע:

ה׳ שמעה תפילתי ושועתי אליך תבא.

דער בעש״ט:

אל תסתר פניך ממני, ביום צר לי הטה אלי אזנך, ביום אקרא מהר ענני...

אַלע:

אל תסתר פניך ממני, ביום צר לי הטה אלי אזנך, ביום אקרא מהר ענני.

בשעת דער בעש״ט הערט איף פאַרצוזאָגן דעם תהילים, בלייבן די יידן אַ לענגערע צייט זיצן שטיל, מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ. אַ ייד קומט אָן פון נאָס.

דער ייד:

סאַר אַ מהומה אין שטאָט. די געשרייען דערגרייכן עד לב השמים. די בתי=מדרשים זיינען פול. מען וויינט... מען זאָגט תהילים... און אַלץ צוליב דעם בישאָף, ימח שמו, — נייע גזירות אויף יידן. און שטאָט זאָגט, אַז שולדיק אין דעם איז, רחמנא=לצלן, ר׳ יעקב פראַנק.

ד ע ר   י י ד   א י ן   פ ע ל ץ:

אָט ווייס איך וואָס! מען איז זיך מתקנא אין דער עשירות זיינער, און, בכלל, וואָס ער איז דער גרויסער מענטש, דער גרויסער געביטער.

צ ו ו י י ט ע ר   י י ד:

זאָל זיך נאָר אַזאַ מין צורר היהודים ניט נעמען אויף צו אונזערע יידן!

ד ר י ט ע ר   י י ד:

שוטה! פאַר אונז שטייען דאָך די גדולי מלכות! עס ציטערן דאָך פאַר אים די גרעסטע שררות אין דער וועלט. דו מיינסט ער איז אַבי ווער?

פ ע ר ט ע ר   י י ד:

אַז מען פירט אַזאַ ראָלע, מסתמא ליגט דאָך עפּעס אין דעם!

זלמנקע און חוהלע קומען אַרויס פון לינקס, זלמנקע שוין אָן דעם פעקל אויף די פּלייצעס.

ח ו ו ה ל ע:

אָט=אָ=דאָ האָב איך עס אַוועקגעלייגט. אין אַלמער, געמיינט, איר וועט גיין נעמען אַ ספר, וועט איר געפינען דעם תפילין=זעקל אָנגעגרייט. כ'האָב אים אויסגעניים מיט גאָלד אויף טונקל=רויטן סאַמעט, קוים געפונען אַזאַ מין גאָלד. נעמט אַרויס דעם תפילין=זעקל.

ז ל מ נ ק ע:

טאַקע זייער שיין. אַדאַנק אייך, חוהלע, וואָס איר האָט זיך פאַר מיר מטריח געווען. טאַקע זייער שיין!

ח ו ו ה ל ע:

הערט, זלמנקע, און אויב איר קאָנט דאָ ניט בלייבן —— הערט, אויב איר קאָנט טאַקע דאָ ניט בלייבן, וועל איך מיט אייך צוזאַמען מיטגיין. וואָס, האָ? ניין, אייך וועט זיין ניט שווער מיט מיר צו גיין!... און מיר געפעלט אויך ניט אונזער שטוב, זלמנקע... פרייטאָג=צו=נאַכט בענטשט מען

בײ אונז קײן ליבט ניט. שבת איז אַזױ, װי אײנדערװאָכן...
און דער טאַטע איז ניט אַזױ, װי אַלע ײדן... איך װעל מיט
אײך מיטגײן! זלמנקע?!

זלמנקע:

פאַרװאָס װאָלט איר מיט מיר גײן, חװהלע, עס װעט אײך
אױסקומען צו לײדן אונטערװעגנס.

חװהלע:

נײן, עס װעט מיר ניט אױסקומען צו לײדן. זלמנקע, עס
װעט מיר ניט אױסקומען צו לײדן, זלמנקע! פאַלט אים אױפן
האַלז. איך האָב אײך אַזױ ליב! גײט ניט אַװעק פון דאַנען!
אָדער מיר װעלן גײן צוזאַמען — — — שטיל. זלמנקע,
איך װיל װערן אײער כלה!...

זלמנקע:

און איך האָב אײך אױך ליב...

עס עפנט זיך ברײט די גאַס־טיר און ס'קומען אַרײן ר' לײב מעדזשיבאַ־
זשער מיט די צװײ שמשים. אַלע ײדן שטײען אױף פון די ערטער, מען
בלײבט מיט גרױס כבוד שטײן פאַר ר' לײבן. ר' לײב קוקט אױף זלמנ־
קען און חװהלען, װאָס גײען אָפּ איבערגעשראָקן. אַ ײד טראָגט צו ר' לײב
מעדזשיבאָזשער אַ בענקל.

אַ ײד:

זעצט זיך, רבי!

ר' לײב ענטפערט ניט, בלײבט שטײן, װי אױסגעגאָסן פון שטאָל. עס
קומען אַרײן יעקב פראַנק און חיה. ר' ליב מעדזשיבאָזשער און יעקב
פראַנק קומען אױס אײנע אַנטקעגן די אַנדערע, קוקן זיך שאַרף אָן.

ר' לײב מעדזשיבאָזשער:

איך בין געקומען פרעגן, װאָס האָסטו צו ײדן?

יעקב פראַנק:

איך האָב גאָרנישט צו ײדן, ר' לײב מעדזשיבאָזשער.

ר' לײב מעדזשיבאָזשער:

טאָ װאָס װילסטו?

יעקב פראַנק:

וואָס וויל איך? איר פרעגט, וואָס וויל איך, האַ? איך וויל אָנהייבן צוריק פון אָנהייב. עס איז ניטאָ קיין תורה, ניטאָ קיין רבנים. ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער קיינגט ניט אויף יידן.

ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער:

אין דער תורה שטייט לא תרצח און דו הייסט טויטן, אין דער תורה שטייט לא תנאף און דו האָסט געמאַכט פון דיין שטוב אַ בתי־זונות?!

יעקב פראַנק:

און ר׳ לייב מעדזשיבאָזשערס טאָכטער איז געקומען צו לויפן אַהער צו מיר אין דעם בתי־זונות?!

ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער:

דו, איך בין ניט געקומען צו דיר ריידן וועגן מיין טאָכטער!!! אַ שטילשווייגן. כלל־ישראל שטייט אין אַ סכנה. תלמידי־חכמים האָבן געבויט טויזנטער יאָרן — קומסטו חרוב מאַכן. מיר האָבן געשאַפן אַ לאַנד, אויפגעשטעלט אַ בית־המקדש, — יידן זאָלן האָבן וואו דעם קאָפּ אָנעקצולייגן. און דו, עוכר ישראל, קומסט אַריין אין קדשי־קדשים, טרעטסט די הייליקייטן מיט די פיס, לעסטערסט גאָט און די תורה. מיר האָבן אָנגעטאָן קייטן אויפן פאָלק ער זאָל ניט צעפאַלן ווערן און דו, ירעבם בן נבט, גראָבסט אונטער דאָס הויז, אין וועלכער מיר וואוינען. פירסט בלינדערהייט יידן צום אונטערגאַנג.

יעקב פראַנק:

מיר ווילן ניט קיין קייטן! ניין, ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער, מיר ווילן ניט קיין קייטן. מיר זיינען דערשטיקט געוואָרן אונטער דער תורה... גענוג!

ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער

האַקט אים איבער:

עוכר ישראל, דו פירסט יידן צום אונטערגאַנג!

יעקב פראַנק:

איז וואָס, האַ? איז וואָס?! עס וועלן ניט זיין קיין יידן אויף דער וועלט? קיינער וועט זיי ניט באַוויינען. צו וואָס דאַרף מען האָבן יידן אויף דער וועלט?... צום שולם. קומט אַהער, פירשטן, קומט אַהער נעענטער... אַ דאַנק אייך, אַז דאָס וואָלטן געוועזן טערקן? וואָס וואָלט אייך געאַרט, אַז דאָס וואָלטן געוועזן פוילישע שליאַכטעס?...

ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער:

יידן זיינען באַשאַפן געוואָרן צוליב דער תורה.

חייה:

און צוליב וועמען איז באַשאַפן געוואָרן די תורה?

ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער

קוקט ניט אויף איר:

קול באשה ערוה. איך רייד ניט מיט אַן אישה.

חייה:

ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער רעדט ניט מיט אַן אישה. ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער גייט נאָר מיט אַן אישה שלאָפן. אין אשה אלא לבנים. ער האָט געהאַט דריי טעכטער און פיר זין... שווייגעוודיק... שטומערהייט... ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט... אָבער אין דער תורה שטייט געשריבן, אַז אַן אישה האָט אויך אַ האַרץ, און דאָס האַרץ מאָנט, וויינט, און דאָס האַרץ צאַפּלט זיך: רייד מיט מיר! איך האָב דיך געטראָגן אונטער מיין האַרצן, דער צונג ביי דיר אין מויל איז פון מיין בלוט: רייד מיט מיר!... מען האָט אונז צוזאַמען אַרויסגעטריבן פון גן-עדן, צוזאַמען געשטאַנען אונטער דעם באַרג-סיני, פאַרוואָס האָסטו די תורה צוגענומען נאָר פאַר זיך?!... עס זיצט די אישה מיט דיר אונטער איין דאַך, ליגט מיט דיר אין איין בעט, רעדט מיט דיר אויף איין שפראַך, איר שטאַרבט ביידע מיט איין טויט — און די תורה האָסטו צוגענומען נאָר פאַר זיך... אָבער ווייבער דאַרפן ניט אייער

תורה. ניין, ווייבער גלויבן ניט אין אייער גאָט... יהוה האָט זיך מיט אייך מתדבק געווען אין משכב זכור. עס גייט אַרום אַ זכר אַ גאָט אין אייערע היכלות... אָבער אונזער תורה זינגען מיר... אָבער אונזער תורה שפּילן מיר... אויף די פליגלען טראָגט דער הייליקער מלך די מטרוניתא... עס באַהעפטן זיך וועלטן מיט וועלטן... ס'פלייצט דאָס ליכט פון דער שכינה איבער אדם און חוה אין די עשר ספירות... זינגט צום כתר!... טאַנצט פאַר דער תפארת!... פאַלט אויפן פנים פאַר דער שטים פון קודשא=בריך=הוא... קדוש, קדוש, קדוש ה' צבאות מלא כל הארץ כבודו!...

יעקב פראַנק:

נקמה! יידן ווילן נעמען נקמה! די ביינער פון באַגראָבענע דורות שרייען פון דער ערד: רבנים האָבן פאַרגאָסן אונזער בלוט, — צוגענומען ביי אונז די וועלט און געגעבן אָנשטאָט דעם די תורה. יידן קומען אָן פון אַלע מדינות, זיי האָבן קיין אָרט ניט אויף דער ערד... העלף אונז! — שרייען זיי צו מיר — דו קאָנסט אומגיין מיט אַ שווערד אין האַנט, פאַרטרייב די רבנים פון אונזער לעבן און נעם אונז איין צוריק די וועלט.

ר' לייב מעדזשיבאָזשער:

דו! רבנים שרעקט מען ניט מיט אַ שווערד. רבנים שרעקט מען ניט מיט נקמה. יידן ווערן פאַרברענט מיט „אחד" אויף די ליפּן און שווייגן, שווייגן... עס איז ניטאָ פאַר יידן קיין אָרט אויף דער וועלט. רבנים האָבן זיי באַזעצט אין דער תורה. עס שלאָגן קוואַלן אין איר, עס בליען פעלדער, נעדיכטע וועלדער און אַן אויסדערוויילט פאָלק לעבט אין איר — יידן. וויי צו דעם, וואָס וועט זאָגן, אַז די וועלט איז ניט קיין חלום — ער האָט זיך מתחייב געווען אין זיין לעבן. וויי צו דעם, וואָס וועט אָנווייזן אַ יידן אויף אַ בוים אין פעלד, — ער ברענגט דאָס פאָלק ישראל צום אונטערגאַנג. גאָט רוט אין דער תורה.

ד ע ר ב ע ש " ט

פון אויוון, שרייט:

אַ־אַ־אַ! ! ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער לעבעדיק גאָט! ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער איז אַ כּופר בעיקר!... שפּרינגט אַראָפּ פון אויוון, לויפט צו אַן איינגערענטער צו ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער. וואו ליגט די תורה? — אָט־אָ־דאָ אין אַלמער?... און גאָט רוט נאָר אָט־אָ־דאָ אין אַלמער, אין דער תורה? האַ?... און אַז אַ פויגל זינגט, איז עס ניט גאָט?!... און אַז עס צעווייגט זיך פּלוצים דאָס האַרץ צו אים, צו אים, וואָס קוועלט אַרויס פון אומעטום, וואָס לייכט אַרויס מיט פרייד פון אונז, פון אונז — איז עס אַלץ ניט גאָט?... און אַז אַ וואָלף וויינט ביינאַכט אויף די פעלדער, איז עס ניט גאָט?... לויפט אַרום צעטומלט איבערן שטוב. יידן, איך בין געווען אַ פּראָסטער מענטש, אַ ליימען־גרעבער... איך בין געלעגן באַגינען אויף די בערג... עס האָט געשאַריעט אויף טאָג און איך האָב געהערט, ווי גאָט איז אַרומגעגאַנגען איבער די בערג... ער איז אַרומגעשוועבט אין די נעפּלען... הערט, הערט... און אַז עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ רויטער קאַנט פון דער זריחה, אַראָפּגעגאָסן זיך, ווי אַ ביסל בלוט פון הימל — האָט צו אים גענומען זינגען די גאַנצע וועלט... איך בין צוגעפאַלן צו דער ערד, כ׳האָב אויסגעשטרעקט די הענט צו אים, כ׳האָב געוויינט צו אים פון פרייד און געקושט די ערד — די בריגעס פון זיין קלייד... יידן, איך בין געווען אַ ליימען־גרעבער... איך בין געלעגן אין די גריבער צווישן די בערג און צוגעהערט, וואָס טראַכט די ערד, וואָס טראַכטן די בערג... עס איז דאָ אַ רעיון אין דער וועלט, אַ רעיון, וואָס ווערט אָנגעצונדן אומעטום... ניין, ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער איז אַ כּופר בעיקר... עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, יידן!...

ר׳ ל י י ב מ ע ד ז ש י ב אָ ז ש ע ר:

די וועלט ליגט אין דער תורה.

יעקב פראַנק:
און וואָס ווילסטו, ישראלציק?

דער בעש"ט
קירעווטע זיך אויס צו אים, קוקט אויף אים בייז:
נואָך! דו האָסט אומגעבראַכט טויזנטער יידן!... וועסט פאַר־טריבן ווערן פון כלל־ישראל און דיין נאָמען וועט בלייבן צו שאַנד לדורי־דורות. איך רייד עס צו דיר, איך — ישראל בעל־שם־טוב!... ווי, וואָס האָב איך געטאָן!!!...

דער בעש"ט גייט האַסטיק צום טיר. דער עולם לאָזט אים אָפּ פאַרזיכטיק דעם וועג, מאַנכע פאַרנויגן זיך פאַר אים. טרעטן אָפּ אויף הינטערוויילעכט. אַ פאָר יידן כאַפּן די פּעקלעך און לויפן אים נאָך.

אַ ייד:
ער איז נתגלה געוואָרן!...

יעקב פראַנק וואַרפט אַרויס דעם יידן דורכן טיר. שפּרייזט אַרום שווייגעוודיק אין אויפגערעגטע איבעריק שטוב.

ר' לייב מעדזשיבאָזשער:
דו האָסט פאַרמסרט יידן! רבנים דאַרפן באַשיצן די תורה פאַר גלחים, אָבער מיר קענען ניט די שפּראַך פון לאַנד. דו האָסט געוואונען דעם בישאָף פאַר דיין שאַנד דורך שקרים און פאַלשע רייד. עס באַקלאָגט די תורה אירע לעסטערער פאַר גאָט... ווי צו דיר, עוכר ישראל!! פאַלש־קייט ליגט אונטער דיין צונג. האָסט איבערגעגעבן די גלחים, אַז דו ביסט אונטערטעניק דעם יוזל... דו גלויבסט אין יוזל!... פאַלש זיינען די רייד דיינע, אין שמוץ וואַלגערט זיך דיין נשמה!

יעקב פראַנק:
האַ, פאַלשקייט ליגט אונטער מיין צונג?! פאַלש זיינען די רייד מיינע... איך גלויב ניט אין יוזל?! האַ, וואָס?... איך?... איך גלויב! ר' לייב מעדזשיבאָזשער, איך גלויב!! אַ הייליקער קריסט... ישו איז מיין גאָט!... נאָר ישו!...

זעט, זעט ווי איך צלם זיך... צלמט זיך. אויצאַ אי סינאַ אי דוכאַ שוויענטעגאָ!... שרייט צו די יידן. צלמט זיך!! דער סעניאָר סאַנטאַ הייסט זיך צלמען. עס וועלן אָפּגערייניקט ווערן אייערע נשמות... ר׳ ליב מעדזשיבאָזשער זאָגט, אַז אין שמוץ וואַלגערן זיך אייערע נשמות. צלמט זיך!! איך וועל אייך אָט=אָ=דאָ אַוועקטויטן, צלמט זיך!!!
אַלע אויסער חייהן צלמען זיך.

אַ ל ע:

אויצאַ אי סינאַ אי דוכאַ שוויענטעגאָ, אַמען!

דער אוקראַינער בעל=עגלה

צלמט זיך:

רבנים זייט איר? — פּורמאַנעס זייט איר! מיר וועלן נאָך עסן חזיר אום שבת... אָט וואָס!... מיר וועלן אייך נאָך וויַיזן!

ר׳ ליב מעדזשיבאָזשער

האַלט ביים אומפאַלן:

גיט מיר אַ ביסל וואַסער...

ערשטער שמש ברענגט אים וואַסער. עס לויפט אַריין ר׳ לייב פון נאַדוואָרנע בלאַס, אָן אַ היטל, מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ.

ח י י ה:

וואָס איז?! וואָס איז געשען?...

ר׳ ל י י ב פ ו ן נ אַ ד ו ו אָ ר נ ע:

דער בישאָף איז פּלוצלונג געשטאָרבן.

ח י י ה:

און וואו איז דער טאַטע?

ר׳ ל י י ב פ ו ן נ אַ ד ו ו אָ ר נ ע

שווייגט.

ח י י ה:

וואו איז דער טאַטע?... וואָס איז געשען?... וואָס איז געשען?... דערציילט!...

ר׳ ל י י ב פ ו ן נ אַ ד ו ו אָ ר נ ע:

מיר זיינען געזעסן ביים בישאָף, דערקלערט אים אַ בלעטל אין זוהר. עס איז אים מיטאַמאָל שלעכט געוואָרן. ער האָט זיך אַריבערגעבויגן אויפן שטול, און איז געבליבן אַזוי ליגן — טויט! מען האָט אונז באַשולדיקט. בעת מיר זיינען אַרויס... זיינען אונז באַפאַלן די פויערים פון מאַרק...

ח י י ה:

נו?... נו?... און וואו איז דער טאַטע?...

ר׳ ל י י ב פ ו ן נ אַ ד ו ו אָ ר נ ע:

ר׳ אלישע שור איז דערהרגעט געוואָרן...

ח י י ה

פאַלט אַראָפּ אויפן בענקל:

דערהרגעט?!!

ר׳ ל י י ב מ ע ד ז י ב אָ ז ש ע ר:

נאָט נעמט נקמה פאַר דער תורה. קומט, שמשים! דער בישאָף איז טויט... און אַ תלמיד־חכם, וואָס איז זיך ניט נוקם ונוטר, ווי אַ שלאַנג, איז קיין תלמיד־חכם ניט.

פ אָ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט.

# דריטער אַקט

אַ שול־הויף. אין הינטערגרונד אַן אַכסניה מיט פאַרצייטיקע אַריבערגעוואָרפענע דעכער, הילצערנע ווילן און אַ גרויסער גאַניק, וואָס זעט אויס ווי אַ טעראַסע. לינקס ביי דער ראַמפּע אַן אַלטע שול, נעענטער צום הינטערגרונד וואוין־שטיבער און אַ צווייטע שול, וואָס שטייט פאַרשלאָסן. צווישן ביידע שולן פירט אַ גאַס אין שטעטל אַריין. רעכטס אַ זייטיקע וואַנט פון יעקב פראַנקס שטוב, וואָס גייט אַרויס צום מאַרק. די צוויי פענסטער פון שטוב זיינען אויסגעבראָכן. טיפער צום הינטערגרונד — וואוין־שטיבער. צווישן יעקב פראַנקס שטוב און די הייזער פירט דער וועג צום מאַרק. תחילת־נאַכט. אויף דעם גאַניק זיצט דער בעש״ט מיט זיינע תלמידים, ווי פאַרזונקען אין שלאָף. רעכטס אויף דער ערד ליגן יעקב פראַנקס אַנהענגער מיט די פעקלעך צוקאָפּנס. חייה זיצט העכער פון אַלעמען, ר׳ לייב מעדזשיבאָזשערס שאַכטער — לעבן איר, איינגעוויקלט אין אַ פאַטשיילע. שטיל. די לאַמטערנעס ביי די שולן זיינען ניט אָנגעצונדן.

ע ר ש ט ע ר  ח ס י ד:
רבי, צייט מעריב דאַוונען, עס האָבן זיך שוין באַוויזן שטערן אין הימל.

ד ע ר  ב ע ש " ט
שווייגט.

צ ו ו י י ט ע ר  ח ס י ד
וועקט אים:
רבי, רבי, איר שלאָפט?

ד ע ר  ב ע ש " ט:
ניין, ברוך, איך דרעמל.

ע ר ש ט ע ר  ח ס י ד:
צייט מעריב דאַוונען. אַ שטילשווייגן.

ד ע ר  ב ע ש " ט:
הם... אַנומלטן בין איך געגאַנגען אין פעלד, האָב איך גע־הערט אַ בת־קול, וואָס האָט געברומט ווי אַ טויב. איך בין אומגעגאַנגען און געזוכט דעם קול אין פעלד... בעת איך בין געשטאַנען אין פליין, האָט מיך גערופן דער קול פון הויכן באַרג, און אַז איך בין געווען אויפן באַרג, האָט ער מיך גערופן פון דער ווייטעניש... שמעתי בת־קול שמנהמת כיונה... האָב איך זיך געווענדט צום קודשא־בריך־הוא מיט אַ שאלה: אַלעמיי האָסטו באַשאַפן די בערג, זיי זיינען דאָך מעבר דיין קול, וואָס רופט צו מיר?!...

צ ו ו י י ט ע ר  ח ס י ד:
רבי, וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן?

ד ע ר  ב ע ש "ט:

...אָבער דער מענטש, וואָס ריכט אָפּ התבודדות, הערט זיך ניט איין צו די תביעות פון דעם קערפּער זיינעם. ער דער־גרייכט צו דער מדרגה פון התפשטות הגשמיות. דעמאָלט איז זיך מתדבק זיין נשמה מיט דער נשמה פון גאָט און די גופים זייערע זיינען זיי ניט מעכב...

ע ר ש ט ע ר  ח ס י ד:

רבי, עס שטייט דאָך געשריבן, אַז ער האָט ניט קיין גוף און קיין געשטאַלט. אין לו גוף ואין לו דמות הגוף?

ד ע ר  ב ע ש "ט:

...מחמת דער קערפּער זיינער זיינען די ימען אין זייערע געלענערס, די בערג און די טאָלן, די חיות און עופות... עס רופט מיך דער בת־קול פון צווישן די געבערג... עס זינגט צו מיר די נשמה פון חומר...

אַ שטילשווייגן. פון בית־מדרש לינקס קומט אַרויס דער ערשטער שמש, צינדט אָן די לאַמטערנעס אויפן שול־הויף.

ע ר ש ט ע ר  ש מ ש:

יידן, צייט מעריב־דאַווענען. אַ, דאָס זיינען די משומדים! — ליגן דאָ, ווי די כלבים. און ער, דער פּושע ישראל, דרייט זיך נאָך אַרום דאָרטן ביי די שררות. וואָס ליגט איר דאָ?! — אין קאָשציאָל גייט!... צו ר' לייב מעדזשיבאָזשערס טאָכטער. און דו, שיינע טאָכטער! אַזאַ עגמת־נפש אָנצוטאָן אַ טאַטן, אַזאַ עגמת־נפש... ר' לייב מעדזשיבאָזשער וועט דאָס ניט אויסהאַלטן. ער איז שוין געזעסן ב"ה שבעה נאָך דיר, שיינע טאָכטער!... אָבער עס וועט נעמען אי"ה הײנט אַ סוף צו דעם אַלעמען... עס וועט נעמען אַ סוף... קיינער קומט גאָר צו מעריב ניט, — מען שרעקט זיך דורכצוגיין...

שמש אָפּ. אַ ייד קומט אַרויס פון בית־מדרש, שפּייט אויס און גייט אויף גיך אָפּ צום מאַרק.

צ ו ו י י ט ע   י י ד ע נ ע:

מען טרייבט, מען טרייבט... עס איז ניטאָ וואו זיך אויס־
צורוען, ניטאָ וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן.

ד ע ר   א ו ק ר אַ י נ ע ר   ב ע ל ־ ע ג ל ה:

אַלעמיי האָט מען זיך געצלמט? האָט מען זיך ניט געדאַרפט
צלמען!...

ד ע ר   י י ד   א י ן   פּ ע ל ץ:

און וואָס האָט איר געטאָן, ר׳ ייד? איר האָט געזאָגט
תהילים? — געשטאַנען, דאַכט זיך, ווי אַ יוון, און געצלמט
זיך מיט ביידע הענט.

ד ע ר   א ו ק ר אַ י נ ע ר   ב ע ל ־ ע ג ל ה:

איך? איך האָב זיך געצלמט?!

ד ר י ט ע ר   י י ד:

ניין, ניט איר. ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער האָט זיך געצלמט...

ד ע ר   א ו ק ר אַ י נ ע ר   ב ע ל ־ ע ג ל ה:

איך האָב זיך געצלמט, איך?... פאַר אַזעלכע ווערטער דער־
לאַנג איך מיט עפּעס איבערן מוח!... האַ, איך האָב זיך
געצלמט?

ד ר י ט ע ר   י י ד:

אַ חוצפּה פון אַ יידן! געצלמט זיך, ווי אַ גוי, און דערביי
געמאַכט פון די רבנים כּפּרה דאָרעאַ און אַצונדערט לייקנט
ער שטיין און ביין!

ד ע ר   א ו ק ר אַ י נ ע ר   ב ע ל ־ ע ג ל ה

וואַרפט זיך אויף דער ערד:

אַי! מען האָט מיך אַריינגעטריבן אין שמד! איך וועל זיך
אַ מיתה אָנטאָן! אַלע האָבן זיך געוואָלט צלמען און מיך
האָט מען אַרויסגעשטעלט. רוצחים, כ׳האָב איבערגעלאָזן
אַ ווייב מיט קינדער אין דער היים... זיי האָבן ניט קיין
שפּייזער... מערדערס, איך וועל זיך אַ מיתה אָנטאָן! איך
וועל זיך אַריינוואַרפן אין אַ ברונים!

ע ר ש ט ע ר  י י ד :

שאַ, שרייט ניט אַזוי!... מען וועט זיך דאָך באַלד צונויפלויפן.

צ ו ו י י ט ע ר  י י ד :

עס האָט זיך קיינער ניט געוואָלט צלמען. אָבער אַז דער סעניאָר סאַנטאַ הייסט — דו ווילסט ניט און דו מוזט.

אַ שטילשווייגן.. דער אוקראַינער בעל-עגלה ליגט צונויפגעקאָרטשעט איף דער ערד און וויינט שטילערהייט.

ח י י ה

שאָקלט זיך:

וויי, פאַר אייערע זינד איז פאַרשטויסן געוואָרן די לויטערע מוטער.

עס זאָגט דער קודשא־בריך־הוא: איר, איר האָט געבראַכט דערצו, אַז עס זאָלן פאַרטריבן ווערן מיר פון דער ערד.
עס איז אַרויסגעגאַנגען די מטרוניתא פונם היכל צוזאַמען מיט אייך און דעריבער, אַז עס איז חרוב געוואָרן דער היכל — איז ער פאַר מיר און פאַר אייך חרוב געוואָרן.
עס זיינען אַריין דער מלך אין היכל, נאָר באַגלייט פון דער מטרוניתא.

וויי, עס איז חרוב געוואָרן מיין וואוין, ווייל דער זון געפינט זיך ניט ביי דער מטרוניתא.
און דער קודשא־בריך־הוא וויינט און זאָגט: קינדער, איך בין מיט אייך אַוועקגעגאַנגען וואָנלען אין גלות.
אַ שטילשווייגן.

ע ר ש ט ע  י י ד ע נ ע :

ער האָט מיר צוגעזאָגט אַ צווילינג, דער הייליקער מאַן. ער האָט מיר געקושט אין די ברוסטן, אָבער וואָס איז דערפון אַרויסגעקומען — גאָרנישט!...

ד ע ר  י י ד  א י ן  פ ע ל ץ :

חצופה! דו וועסט אויפהערן מיט דיינע ניבול־פה?! מען קאָן שוין פון איר ניט אויסהאַלטן. ביסט אַן עקרה — טאָ שווייג!

פערטער ייד:

ברענט, ווי אַ צעמאַרקע. געדאַרפט קאַטעווען די הויט, וואַלט זי אויפגעהערט!

אַ שטילשווייגן. עס דערהערט זיך אַ טומל אין גאַס און יעקב פראַנקס שטים: חייל, גיט מיר חייל. עס קומען אַן יידן פאַרפעלצטע, יעקב פראַנק אינמיטן. דער טאַליקער ייד, שוין אַן אָפגעטאַלטער, האַלט זיך פאַר זיינע פאַלעס.

יעקב פראַנק:

חייל, ניט מיר חייל! צען טויזנט פוסגייער, רייטער, האַרמאַטן, — איך וועל עס אַוועקשטעלן קעגן די בתי־מדרשים און בית־דין־שטיבלעך... שלאָגט זיך מיט מיר!! זעצט מיך ניט אַוועק טענהן מיט די רבנים — איך פאַרשיי ניט קיין תורה... כ'קאָן זיך ניט שלאָגן מיט ספרים... אַוועקט פון מיינע אויגן, מלמדים! זעצט זיך אויף די פעקלעך. מען האָט מיך אַרייַנגעוואָרפן אין חרם, אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ טויט?! אַט לעב איך דאָך נאָך!... אַט שלאָגט דאָך נאָך אין מיר דאָס האַרץ!... אַט האָב איך נאָך הענט צום באַשיצן זיך! יידן, איך האָב אייך געוואָלט אַרויסציען פון דער תורה... לעבט! לעבט!... עס איז דאָ ערד — צעאַקערט עס. עס זיינען דאָ ווייבער — קוקט אויף זיי, שלאָפט מיט זיי. איר האָט מיך פאַרוואָרפן מיט שמות... כאַ, כאַ, כאַ! די ערשטע יידענע טוליעט זיך צו אים. דו, יידענע, וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס טוליעסטו זיך צו מיר? כ'האָב געדאַרפט לעבן אין אַ קאַזאַרמע און מען האָט מיך אַרייַנגעזעצט אין אַ באַרדאַק... הע, יידן, איך האָב געוואַרט... עס וועלן קומען צו מיר די יונגעלייט פון די דערפער, די בחורים פון די ישיבות, מיר וועלן זיך אַ לאָז טאָן אויף דעם בית־המקדש זייערן און טרעטן הייליקייטן מיט די פיס, טרעטן הייליקייטן מיט די פיס! אָבער עס זיינען געקומען צו מיר מלמדים... ווייבער, ווייבער!... עס זיינען מיר מיאוס געוואָרן די ווייבער!

**דער מעליקער ייד**
פאַלט אים צו די פיס:

באַטיושקאַ טי מאָי! סאָקאָליק טי מאָי! אַ טשאַהאָש טי
כאָטשעש אָט מאַניע? טשאַהאָש? כאַטשו ביטש ושידקאָם!

**יעקב פראַנק:**

וואָס וויל פעטרוק? האַ, וואָס וויל פעטרוק?

**דער מעליקער ייד:**

באַטיושקאַ טי מאָי! טשעמוש מאַניע באַראָדקו סבריל?
נאַטאַש כאַטשו ביטש ושידקאָם? מיליענקי טי מאָי!

**אַ ייד:**

רבי, ער טענהט, וואָס מען האָט אים אָפגעשאָרן דאָס בערדל.
און ער זאָגט, אַז ער וויל גרייִלעך זיין אַ יידל.

**יעקב פראַנק:**

זאָל ער זיין אַ יידל, דער חמור, זאָל ער זיין אַ יידל!

**דער ייד אין פעלץ**
קושט אים די פיס:

דזשיענקויע, פאַנאָק טי מאָי! דזשיענקויע, מיליענקי טי מאָי!

**יעקב פראַנק:**

נעמט אים צו פון מיינע אויגן! האָבן זיך איינגעגעסן, ווי די קלעק אין דער יידישקייט זייערע. גאָט מיינער, וואָס ליגט אין אָט=אָ=די שלעפער? פאַרוואָס בין איך געבאָרן געוואָרן צווישן אייך, יידן? פאַרוואָס? איך ווייס ניט ווער איר זייט...

**חיה:**

דו האָסט געדאַרפט קומען צו זיי שטילערהייט. אָנקלאַפן שטילערהייט אין די טירן: יידן, קומט אַרויס צו מיר! זיי וואָלטן צו דיר אַרויסגעגאַנגען פאַרפייניקטע, נאַקעטע, זיי וואָלטן אויסגעשטרעקט צו דיר די הענט: מענטש, וואָס ווילסטו? וואָס האָסטו געקלאַפט אין אונזערע טירן?... און דו, דו ענטפערסט זיי: איך האָב פאַר אייך ברויט, טייערע,

איך האָב קליידער פאַר די נאַקעטע, טרייסט פאַר די־
עלנטע, — קומט מיט מיר!... זיי פאַרלאָזן די היימען
זייערע און גייען דיר נאָך. דו פירסט זיי אַוועק ערגעץ
ווייט פון אַלעמען. ניסט זיי ברויט און זיי רופן דיך דער־
פאַר — משיח! דו בויסט אייגענע בתּי־מדרשים, באַשאַפסט
דייַנע דינים און זיי פאָלגן דיך, ווייל דו גיסט זיי ברויט...

יעקב פראַנק:

און דו, חייה, און דו?

חייה:

אָבער מיר, מיר זייַנען אַרויס קלייבן צווישן זיי יוונים.
מיר האָבן געוואָלט, זיי זאָלן פאַרטרייבן ר׳ לייב מעזשי־
באָזשער. מיר האָבן זיי געזאָגט: עס איז ניטאָ פאַר אייך
קיין טרייסט, אויב איר וועט עס אַליין ניט אויסזוכן. יידן
גייען ניט אויף מלחמות. יידן שטרייטן ניט. זיי וואַרטן...
וואַרטן.

יעקב פראַנק:

אָבער איך דאַרף קיינעם ניט. איך קאָן אַליין מלחמה
פירן. נאָר וואו איז דער שונא?... וואו איז ער?... פאַרוואָס
גייט ער ניט אַרויס אַנטקעגן מיר, אייגע אַנטקעגן די אַנדערע.
מיט חרמות קאָן איך זיך ניט שלאָגן! שונאים גייען אַרויס
מיט שווערדן אין די הענט... וואו איז ער?...

חייה:

אַזוי שלאָגן זיך יידן.

יעקב פראַנק:

אָבער איך בין דאָך אויך אַ ייד!

חייה:

ניין, ניט דו, אָן! ווייזט אָן אויפן גאָניק פון אבטניה, וואו עס זיצט
דער בעש״ט. ער איז געקומען צו זיי שלאָגן זיך מיט די איי־
גענע כלי־זיין, און דעריבער וועט ער מנצח זיין.

**דער בעש״ט**
*(הייבט זיך אויף:)*

רבותי, מיר וועלן אריינגיין אין דער אכסניה אריין. צו הייה:. ישראל בעל-שם-טוב איז זיך ניט געקומען חם-ושלום שלאגן. ער איז געקומען צו יידן ליב האבן. אהבה! א מענטש דארף ליב האבן א מענטשן, אויב ניט — זאל מען זיך פונאנדערגיין אין די וועלדער, אין די געבערג, ניט זיצן צוזאמען. עס איז דא איין הארץ אין דער וועלט, א י י ן ה א ר ץ, וואס דערווארעמט אלעמען. יענקל, דו האסט צוזאמענגעקליבן יידן און דו האסט זיי פיינט געהאט, געפייניקט זיי, געווארפן פון דיין שטוב... דו האסט ניט געגלויבט אין דעם בורא יתברך, מחמת עס איז ניטא קיין אהבה ביי דיר אין הארצן. טו תשובה, יענקל. עס שטראלט די אהבה פון גאט אויף אלע באשעפענישן, זינגט אין זיי, עס נידערט אראפ אויף זיי זיין קדושה אזוי, ווי עס נידערט אראפ פון די הימלען דאס ליכט פון דער זון און פון דער לבנה...

**יעקב פראנק:**

איך האב שוין געביטן פיר אמונות, ישראל׳ציק, געדינט צו א פולע געטער, אבער אט איז מיין גאט! כאפט ארויס דעם שווערד. דו זעסט? — ע ר שטראלט, עס בלאנקט די ליכט זיינע. ש ר ג א! דאס איז דאס ליכט פון די עשר ספירות... און ער, ער איז געטריי זיינע אונטערטעניקע! כא, כא כא!

*דער בעש״ט מיט די חסידים אפ אין דער אכסניה.*

ער איז אוועק, דאס זיסינקע רבל! עס געפעלט אים ניט. אהבה... אהבה... סריטים זייט איר! עס שימלט דאך אייער בלוט. איר ליבט דאך נאר זיך, דאס אייגענע הערצעלע, וואס מורמלט אין אייך פון זיסן נחת, און איר, איר רופט עס אן אהבה צו דער וועלט... עס הענגט דער רבנישער שווערד איבער די קעפ און מען זעט אים ניט! מען זעט אים ניט אזוי, ווי מען זעט ניט זייער גאט. שרייט צו דער אכסניה. ישראל׳ציק, אויב דו האסט ליב יידן — ניי צינד אונטער ר׳ לייב מעדושיבאושערס הויז!

אין גאַס דערהערט זיך אַ געוויין פון ווייבער.

ש ט י מ ע ן  פ ו ן  צ ו ו י י  ו ו י י ב ע ר:

עגונות זיינען מיר! שעפעלעך זיינען מיר, וואָס האָבן קיין פּאַסטעך ניט. עס זיינען צוגענומען געוואָרן ביי אונז די באַשיצער אונזערע און די געבּיטער אונזערע! ווי צו אונז! עגונות זיינען מיר!

אַ י י ד

ווייבער זוכן זייערע מאַנען!

עס קומען אַריין צוויי ווייבער. די ביידע מלמדים באַהאַלטן זיך הינטער די פּעקלעך.

ב י י ד ע  ו ו י י ב ע ר:

אָט איז ער, דער הייליקער מענטש! אָט איז ער דער הייליקער האַר! עגונות זיינען מיר, שעפעלעך זיינען מיר, וואָס האָבן קיין פּאַסטעך ניט.

י ע ק ב  פ ר אַ נ ק:

וואָס איז?

ב י י ד ע  ו ו י י ב ע ר:

גיב אונז אָפּ אונזערע מאַנען, הייליקער מענטש! גיב אונז אָפּ אונזערע געבּיטער, טייערער!

י ע ק ב  פ ר אַ נ ק:

כ'האָב ניט אייערע מאַנען.

ב י י ד ע  ו ו י י ב ע ר:

דו האָסט אונזערע מאַנען, הייליקער מענטש. דו האָסט אונזערע באַשיצער, פאַרבּיטער! עגונות זיינען מיר! ווי איז אונז, ווי איז אונז!

י ע ק ב  פ ר אַ נ ק:

ווער זיינען זייערע מאַנען? ענטפערט! ווער זיינען זייערע מאַנען?

**אַ י י ד:**

איך ניט, רבי, איך שווער אויף מיין הן שלי.

**צווייטער ייד:**

מיין ווייב האָט אַ פּליאָם אויפן באַק.

**דריטער ייד:**

איך האָב קיין ווייב ניט... איך בין אַן אַלמן.

**ביידע ווייבער:**

אָט זיינען זיי דאָך, טייערינקע! אָט זיינען דאָך אונזערע אומגליקן! כאַפּן אַן די מלמדים פאַר די הענט און פירן זיי.

**ערשטע ווייבל:**

קום, צירונג מיינער! קום שוין, תכשיט מיינער!

**צווייטע ווייבל:**

איבערגעלאָזן אַ ווייב און קינדער אויף הפקר. וואָס? עס האָט דיר עפּעס געפעלט ביי מיר!

**ערשטע ווייבל:**

דו וועסט שוין ביי מיר אוועקגיין געשמידט אין קייטן, נישקשה!

**יעקב פראַנק:**

מאַרש פון דאַנען! עס זאָל דאָ פון אייך קיין געדעכעניש ניט בלייבן! די ווייבער מיט די מלמדים אַפּ איבערגעשראָקן. אָט די האָבן עס באַדאַרפט זיין מיינע דראַגונער! אומגליקלעכע!... חיה, דו האָסט מיך געלערנט, דו האָסט מיר געזאָגט — ווייבער זיינען טרעטערס אונטער די פיס. אָבער, דו זעסט, מאַנסביל זיינען די ערד, אויף וועלכע די טרעטערס ליגן. יאָ! שטיל. און איך, האַ? אויף מיר האָט מען אויך אויסגעשפּריים אַ טרעטער... אויף מיר אויך... דו ווייסט עס, חיה!

**חיה**

שרייט אַרויס פאַרביסן:

רייד ניט, יעקב!

**י ע ק ב  פ ר אַ נ ק**

גייט אים אויפֿגערעגט:

מען האָט מיך אַריינגעוואָרפֿן אין אַ שטייג, פֿאַרשלאָסן מיט צוויי שלעסער און נאָר איינער געהערט ר׳ לייב מעדושי־באָזשער... טראַשציאַ טוואָיאַ מאַטערי!!! שפּרייזט אַרום איבערן שול־הויף אויפֿגערעגט. פֿאַרוואָס קומט עס קיינער ניט? פֿאַרוואָס גייט עס קיינער ניט דורך? ייִדן זיינען ניט געקומען דאַווענען מעריבֿ, — מען האָט זיך געשראָקן פֿאַר יעקב פראַנק, וואָס ליגט אויפֿן שול־הויף. אָבער מיך האָט מען דאָך שוין געמאַכט פֿאַר אוים מענטש, איך בין דאָך שוין ניטאָ מער צווישן די לעבעדיקע. פֿאַר וועמען שרעקט איר זיך?... מסתּמא ווייסט מען, אַז יעקב פראַנק וועט נאָך דעם קאָפּ ניט אָפּגעבן. אַ שטילשווייגן. גייט אַרום אויפֿגערעגט. ווער האָט עס געזאָגט, אַז איך בין משיח? — כ׳האָב זיי געגעבן ברויט צום עסן, האָבן זיי מיך אָנגערופֿן דערפֿאַר — משיח... אָבער איך בין ניט געקומען צו אייך תּורה זאָגן. שרייט. יעקב פראַנק איז אַ מלך!... ער טראָגט דעם כּתר אויפֿן קאָפּ!... נאָר איך בין געבאָרן געוואָרן ביי אַ פּאָלק, וואָס האָט פֿאַרגעסן, ווי עס זעט אויס אַ מלוכה. מתים, איר האָט בית־דין־שטיבלעך, איר האָט אַ וועד, וואָס שלעפּט זיך אַרום איבער די ירידן, אָבער וואָס איז עס אָזוינס אַ מלוכה? בויגט זיך אַריבער צו אַ ייִדן. וואָס איז עס אָזוינס אַ מלוכה?!

**ד ע ר  י י ד**

וויינט:

רבי, לאָזט מיך אָפּ! האָט אויף מיר רחמנות... כ׳האָב איבערגעלאָזן אַ ווייב מיט קינדער...

**י ע ק ב  פ ר אַ נ ק:**

אָבער זאָג מיר, וואָס איז אָזוינס אַ מלוכה?

**ד ע ר  י י ד:**

אַ מלוכה איז אַ מלוכה, וואָס זאָל זי זיין?

**י ע ק ב  פ ר אַ נ ק:**

און וואָס טוט מען אין דער מלוכה???!

**דער ייד:**

מען קינינט.

**יעקב פראַנק:**

ווער קינינט?

**דער ייד:**

ווער עס מאַכט ויך.

**יעקב פראַנק:**

דו ביסט אַ חכם. דו ביסט אַ לאַנד־חכם. מען קאָן זיך מיט אייך ניט צופֿרידן. עס שטיקט דאָ צווישן אייך, טייערע. *לויפֿט אַרום איבערן שול־הויף, שרייט.* העי, יידן, קומט אַרויס צו מיר! איר האָט פֿאַרחתמעט מיין שטוב. דער בישאָף איז געשטאָרבן, — איר מעגט אַלץ טאָן! אָבער קומט אַרויס צו מיר, שלאָגט זיך מיט מיר! עס שטייען שונאים איינע אַנטקעגן די אַנדערע. וואו זייט איר?... איר האָט פֿאַרשלאָגן טיר און טויער, אַריינגעקראָכן מיט די ווייבער אין די בעטן. *קלאַפּט אין די ווענט.* שטייט אויף! העי, שטייט אויף! קומט אַרויס צו מיר!... אָט ווי עס שלאָגן זיך יידן... אָבער איר טרעפֿט, יידן, איר טרעפֿט פֿונדער־ווייטנס...

*זלמנקע און חוהלע קומען פֿון מאַרק מיט די פּעקלעך אויף די פּלייצעס, ווילן אומבאַמערקטערהייט דורכלויפֿן צו דער אַכסניה.*

**יעקב פראַנק:**

וואוהין לויפֿט איר? אַזוי שפּעט, וואוהין?

**זלמנקע**

*דרייסט:*

מיר גייען אַוועק.

**יעקב פראַנק:**

ביידע?!

**זלמנקע:**

יאָ, ביידע.

יעקב פראַנק:
אָבער דו דאַרפסט דאָך שוין געוואָלט בלייבן מיט מיר, זלמנקע? דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז ביי די רבנים האָסטו ניט, מיט וואָס צו עסעמעי.

זלמנקע:
מיר גייען ערגעץ אַנדערשוואו.

יעקב פראַנק:
און דו, מאָבטערשי, דו אויך?

חוהלע
שווייגט.

זלמנקע:
איר זייט אַן עם־הארץ. איר האָט פאַרפירט מענטשן. עס האָבן געוואָלט ישיבה־בחורים קומען צו אייך לערנען, האָב איך זיי אָנגעשריבן, אַז איר קאָנט ניט קיין צורת אלף. מען האָט געזאָגט ביי אונז, אַז איר האָט אָפּגעפרעגט דעם רמב"ם, אָבער איר קאָנט אַפילו ניט אָפּלערנען אַ פרשה חומש מיט רש"י. איר פאַרשטייט אַזוי פון רמב"ם, ווי די ראַבע קאַץ. אַז איר האָט אַ גראָבן קאָפּ! וויפל איר זאָלט זיך ניט מאַטערן, וועט איר ניט פאַרשטיין דעם רעיון פון סיבה און מסובב. איך בין געקומען אַהער, אַנטלאָפן פון דער היים. איך בין אַריינגעגאַנגען צו אייך דורכריידן זיך אין לערנען, האָט איר מיר געהייסן גיין שלאָפן מיט נאַקעטע נשים. איר האָט מיך געוואָלט ממש מאַמאַ זיין, וויינט. איר זייט אַ בור דאורייתא, אַ חמור, פאַרוואָס האָט איר מיך אָפּגענאַרט?! איר זייט אַ שקרן!!!

יעקב פראַנק
שווייגט.

חיה:
עס ברעכט זיך די וואַנט.

זלמנקע:

קום, חוהלע!

יעקב פראַנק:

וואוהין ווילט איר גיין?

זלמנקע

שווייגט.

יעקב פראַנק:

קינדער, וואוהין ווילט איר גיין?

זלמנקע:

מיר ווילן גיין קיין בערלין. איך וועל דאָרטן מעמיק בחכמה זיין און חוהלע... ווייס איך ניט.

יעקב פראַנק:

טאַכטערשי! בלייב מיט מיר. ניי ניט אַוועק...

חוהלע:

טאַטע, איך האָב אים ליב... זלמנקען. ער וועט זיין מיין חתן... שטיל. איך וויל אַ כלה ווערן, ווי אַלע מיידלעך... אונטערפירער וועלן מיך פירן צו דער חופה... זלמנקע וועט זאָגן אַ דרשה... ער וועט מיר אָנטאָן אַ קידושין־רינגעלע... די מיידלעך ווערן דעמאָלט טרויעריק אַזוי און הייליק... טאַטע, ביי דיר אין שטוב לעבט מען אַנדערש, ווי ביי אַלע יידן, און דו ווילסט ניט, מען זאָל איינע די אַנדערע ליב האָבן...

יעקב פראַנק:

נאַט אייך געלט! גיט איבער זלמנקען אַ בייטל געלט.

זלמנקע:

איך נעם ניט קיין געלט.

יעקב פראַנק

שרייט:

נעם ביי מיר דאָס געלט! דו, נעם ביי מיר דאָס געלט.

מערדער, דו האָסט צוגענומען מיין איינאיינציקע טאָכטער, —
נעם ביי מיר דאָס געלט! זלמנקע נעמט דאָס געלט ניט ווילנדיק.
און גייט פון דאַנען, גייט פון דאַנען! איך זאָל אייך מער
אין די אויגן ניט זען. זלמנקע און חוהלע גייען אָפּ אייליק צו דער
אַכסניה, חוהלע וויינט. רוצחים, איר זאָלט זיך מיר מער פאַר
די אויגן ניט ווייזן!... אַ שטילשווייגן. חוהלע... טאָכטערשי...
דו ביסט דאָך געווען די איינציקע, וועמען איך האָב ליב
געהאַט. פאַרוואָס ביסטו אַוועקגעגאַנגען?... הא?... שרייט.
איך בין שולדיק!!!... דו האָסט געוואָלט ליב האָבן... ווי
אַלע מיידלעך ליב האָבן און איך האָב דיך געהאַרגעט,
ווי אַ קו, וואָס מען דאַרף צונויפּפאָרן מיט אַן אָקס...
איך בין שולדיק!!! בלייבט זיצן שטיל, דעם קאָפּ פאַרבראָכן אין
די הענט.

ערשטער ייד:

ר׳ ייד, איר האָט פריער געזאָגט, אַז אייער ווייב האָט
אַ פּליאַס אויפן באַק, — פון וואַנען איז דאָס איר געקומען?

צווייטער ייד:

באַשערט אַן אומגליק! בעת די שוואַנגער איז געלעגן געוואָרן,
האָט זי זיך איבערגעשראָקן פון אַ שריפה.

ערשטער ייד:

ה׳ ישמרנו!... אַז מען איז מעוברת, דאַרף מען זיין גריילעך
אָפּגעהיט...

אַ שטילשווייגן. מאַטעוש קריכט צו שטומערהייט אויפן בויך צו יעקב
פראַנק.

מאַטעוש:

מעניאָר סאַנטאַ, אויב דו ווילסט, וועל איך זיי אונטערצינדן
די שטאָט...

יעקב פראַנק
שווייגט.

מ אַ ט ע ו ש:

וואָס נעמסטו זיך צום האַרצן, סעניאָר סאַנטאַ. וואַרף אַוועק די שנאָרער. זיי עסן אומזיסט אונזער ברויט. און לאָמיר אַוועקגיין פון דאַנען... מיר וועלן זיך גיין שלאָגן מיט די קאָזאַקן...

י ע ק ב  פ ר אַ נ ק

שפרינגט אויף:

האַ, מיט די קאָזאַקן?... מאַטעוש, וואָס האָסטו געזאָגט, — מיר זאָלן זיך גיין שלאָגן מיט די קאָזאַקן?... ברודער מיינער, עס רינט אין דיר יונגישע בלוט!... דו האָסט ליב דעם שלאַכט... אָבער איך... דער סעניאָר סאַנטאַ... איך האָב ליב נצחון!!... מאַטעוש, ווי מיינסטו, וועלן מיר האָבן נצחון ביי די קאָזאַקן... ווי מיינסטו?

מ אַ ט ע ו ש:

ניין, סעניאָר סאַנטאַ.

י ע ק ב  פ ר אַ נ ק:

ניין?!...

מ אַ ט ע ו ש:

אָבער די קאָזאַקן שרעקן זיך פאַר אַ טערקישן שווערד...

י ע ק ב  פ ר אַ נ ק:

...מאַטעיש, הער זיך איין... עס חלומט זיך מיר אַ חלום פון פייער... אויפן וואָר. איך האָב אַ וואונדערלעכן, יידישן חלום... אָט־אָ־דאָ, ניט ווייט, ליגט דער שונא, באַפעסטיקט, פאַרגראָבן אין דער ערד... ער לאָזט ניט צו... שפריט פייער אַרום... און איך, דער סעניאָר סאַנטאַ, שטיי ביים ברעג פון וועג... עס גייען פאַרביי מחנות... קצבים מיט די בערד, שמירן מיט גליענדיקע אויגן, קוימענקערער פינסטערע, פאַר־גרעבטע ישוביניקעס... איך שטיי פאַרלייגט די הענט אויפן האַרצן, איך באַקוק די מחנות און שריי צו זיי: ג י י ט ש ט אַ ר ב ן, ט י י ע ר ע!!!... און זיי גייען פאַרביי שטום,

מיט געפּרעסטע טריט, שטום, נאָר אַז זיי דערהערן מיין רוף
ענטפערן זיי טויב, ווי פון אונטער דער ערד: אַ דאַנק
סעניאָר סאַנטאַ! אַ דאַנק, וואָס דו פירסט
אונז צום טויט!... אָבער, מאַטעוש, דאָס איז אַ חלום
נאָר... אַ חלום אַזאַ... שרייט. איוף מיין ערד שלאָגט
מען זיך ניט מיט שווערדן!!! יידן שטאַרבן אין די בעטן
פון מערידן...

עס דערהערן זיך פון גאַס געשרייען, קללות, אַ געלאַף, טריט פון אַ גרויסן
עולם, וואָס קומט אָן.

שטימען פון גאַס:
מאָרדעוועט אים! זאָל ער אַוועקגיין פון אונז! ער האָט
אונז אומגליקלעך געמאַכט! ממיתט אים! חזירניק!

עס באַווייזן זיך ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער מיט אַ מחנה יידן און ווייבער,
באַוואָפנט מיט שטעקנס, קאָטשערעס, בעזעמער. אַלע שרייען. ר׳ לייב
מעדזשיבאָזשערס טאָכטער לויפט אים אַרויס אַנטקעגן און פאַלט אים צו
די פיס.

די טאָכטער:
טאַטע, זיי מיר מוחל, נעם מיך צו צוריק אַהיים! איך
וועל תשובה טאָן, זיי מיר מוחל!...

ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער:
לאָז דעם וועג!

די טאָכטער:
טאַטע, כ׳האָב ניט געוואוסט, וואָס איך האָב געטאָן... עס
איז מיר געווען טרויעריק צו זיצן אַליין אין שטוב... כ׳האָב
ניט געהאַט מיט וועמען ראָט צו האַלטן... כ׳האָב פאַר־
בלאָנדזשעט, טאַטע, זיי מיר מוחל!...

ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער:
דו ביסט ניט מיין טאָכטער! דו, לאָז דעם וועג!

די טאָכטער:
איך וועל ניט אַוועקגיין פון דאַנען, טאַטעשי... איך וועל

דיר קושן די פיס, מאַמעשי, ווי מיר מוחל!... ווי מיר מוחל!...

ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער טרעט איבער איר אַריבער, דער גאַנצער עולם גייט אים נאָך. עס דערהערט זיך אַ ווילדער געשריי. אַלע בלייבן אויף אַ רגע פאַרציטערט. ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער גייט צו מיט פעסטע טריט צו יעקב פראַנק.

ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער:

דו ביסט אויסגעמעקט געוואָרן פון כלל ישראל. גיי אַוועק פון אונז!

יעקב פראַנק

שווייגט.

ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער:

לאָז אונז לעבן! גיי אַוועק פון אונז!

יעקב פראַנק:

רבי, רבי... עס טוט מיר ווי דאָס האַרץ. פאַרוואָס טראָגט איר ניט קיין שווערד, ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער?... איך בעט אייך, נעמט אַ פיסטויל אין האַנט. הייסט אָט־אָ־די יידן אַוועקוואַרפן די פאַמעלעך, די בעזעמער, — גיט זיי ביקסן אָנגעלאָדענע און גייט אַרויס אַנטקעגן מיר! אַלע!!! רינגלט מיך אַרום! איך וועל זיך באַשיצן מיט מיין שווערד איינ־קער אַליין... הער, נאַט אייך דאָס האַרץ, נאַט אייך די ברוסט — שיסט אין מיר! אָבער גייט ניט אַרויס אויף מיר מיט קאָטשערעס און בעזעמער... שעמט זיך, יידן, שעמט זיך! איר שלאָגט זיך, ווי די ווייבער... אָבער איך וויל שטאַרבן ווי אַ יוון, איך וויל שטאַרבן פון אַ קויל... יידן, ווען איך וואָלט געפאַלן פון אייער עמעצנס אַ שווערד, וואָלט איך אים די האַנט געקושט, איך וואָלט געבעטן גאָט פאַר אים, איך וואָלט געשטאָרבן מיט אַ שמייכל אויף די ליפן...

ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער:

יידן שלאָגן זיך ניט מיט שווערדן. עס משפט נאָט אַליין זיינע לעסטערער און נעמט נקמה פון די, וואָס שטייען אויף אַנט־

קענן אים. דו, גיי אַוועק פון אונז! האָסט פאַראומווערדיקט אונזער אומה, מטמא געווען אונזערע הייליקייטן. פושע ישראל! דו האָסט זיך אַריינגעריסן אין אונזער לעבן פון משפחה און פאַראומרייניקט דאָס הייליקסטע, צוגענומען ווייבער פון זייערע מאַנען, טעכטער פון זייערע עלטערן...

חיה:

האַ, וואָס פאַר אַ ווייבער?! ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער ווייסט דאָך ניט, ווי עס זעט אויס זיין ווייב!! ער האָט דאָך מיט איר חתונה געהאַט, איידער ער האָט איר געזען! ווייבער גייען אַרום אין די הייזער אייערע, ווי שאָטנס שווייגנדיקע, וועלקן אין די ווינקעלעך, שטאַרבן און מען גיט זיי דערנאָך קיין גן־עדן ניט, און איר גיט זיי דערנאָך קיין גן־עדן ניט. און די טעכטער? האַ, און די טעכטער?

ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער:

שוויַג, אשה, שווייג! כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ. עס איז מיר אַרויפּ־געלייגט געוואָרן דער יאָך פון אַ פאָלק אויף די אַקסלען... אברהם האָט אויך געפירט יצחקן צו דער עקדה... כלל־ישראל שרייט צו מיר!... כלל־ישראל וויל זיינע קרבנות... און איך, איך, לייב מעדזשיבאָזשער, האָב אים געבראַכט מיין טאָכטער פאַר אַ קרבן... יידן, איך האָב איר ליב געהאַט!... אין הימל איז דער עדות, אַז זי איז געווען אַן ערלעכע יידישע טאָכטער... זי איז ניט געווען שולדיק אין איר טויט, זי האָט פאַרבלאָנדזשעט... אָבער כלל־ישראל האָט געפאָ־דערט, איך זאָל אים ברענגען אַ קרבן... כלל־ישראל...

די יידן וואַרפן זיך אויף יעקב פראַנקן. אויפן גאַניק פון דער אַכסניה באַווייזט זיך דער בעש״ט מיט זיינע תלמידים.

שטימען:

ממיתט אים, דעם פושע־ישראל! קאַטעוועט אים! עס זאָל פון אים קיין שריד־ופליט ניט בלייבן! אַרויס, עוכר־ישראל! באַדרמט אים! האַקט אים אונטער די זייטן!

יעקב פראַנק טרעט אָפּ אויף צוריק.

**חיה:**

יעקב!! דו ביסט קיין הערשער ניט!!! די יידן בלייבן שטיל. אַ פּחדן ביסטו! יעקב!!! עס האָבן דיך איבערגעשראָקן די בעזעמער!!!

**יעקב פראַנק:**

איך קאָן זיי ניט שלאָגן... עס ווייזט אין מיר דאָס האַרץ אויף די פאַרפייניקטע הינט. איך קאָן זיי ניט אָנרירן... מתים, שוין לאַנג באַגראָבענע!...

דער עולם וואַרפט זיך אויף אים נאָכאַמאָל.

**שמעון:**

אשת־אישניק! מאָרדעוועט דעם רוצח! גואף, דו האָסט דאָך מזנה געווען מיט ווייבער! פאַלמעסט אים!

**יעקב פראַנק**

כאַפּט אַרויס דעם שווערד:

אַוועק, שרצים!

**אַלע:**

אוי! אוי! צעלויפן זיך.

**אַ קליין יידל:**

הו, הו!... מיט אַ שווערד... אַזוי ווי אַ גוי! קונצן ווייזט ער... דער פּושע־ישראל!

**ר' לייב מעדזשיבאָזשער**

טרעט אַרויס פאָראויס:

גיי אַוועק פון אונז! אין דעם נאָמען פון גאָט הייס איך דיר: גיי אַוועק פון אונז!

**יעקב פראַנק**

שווייגט.

**ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער:**

עובר ישראל! עס זאָל דיך שלאָגן נאָט מיט דער תוכחה. פֿאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן אין שטאָט און פֿאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן אין פֿעלד! עס זאָל דיך שלאָגן גאָט מיט דעם קרעץ פֿון מצרים, מיט בלאָטערן און מיט פֿינגערצלעך. עס זאָל דיך שלאָגן גאָט מיט בלינדעניש און פֿאַרבלענדעניש, דו זאָלסט טאַפּן אין האַלבן טאָג, ווי אַ בלינדער טאַפּט אין דער פֿינסטער...

*די פֿראַנקיסטן כאַפּן זיך פֿאַר די פּעקלעך און הייבן זיך אָן אַרויסרוקן צום מאַרק.*

**יעקב פֿראַנק:**

מיין חייל האָט זיך איבערגעשראָקן פֿאַר דער תוכחה.

**מאַטעוש:**

מעניאָר סאַנטאַ! איך בין דאָ, מאַטעוש. העלף מיר!...

*יעקב פֿראַנק בלייבט שטיל, ענטפֿערט ניט. עס ווערט אים דער פּנים פֿלוצלונג פֿאַרקרימט, ער הייבט אויף דעם שווערן אַריבערן קאָפּ און טוט אים אַ וואָרף אויף דער ערד, שטייט אַ ווײַלע, דערנאָך גייט ער צו צום מאַרק. חיה און מאַטעוש גייען אים נאָך. דער עולם לויפֿט אַרום נאָך זיי מיט געשרייען.*

**שטימען פֿון מאַרק:**

הרגעט אים, דעם פֿאַרשאָלטענעם: מאַכט פֿון אים אַ בר־מינן! די תוכחה ליגט אויף זיין קאָפּ! גאָך מער! נאָך מער! טרוקענע קלעפּ! זשאַלעוועט ניט, ר׳ ייד! פֿאַרקאַטעוועט אים ביז אין טויט אַריין!

**ר׳ לייב מעדזשיבאָזשער**

*שטיל:*

ברוך שפּטרנו!

*פֿאַלט אויף דער ערד און וויינט.*

דער בעש"ט:

עס קלאָגט די שכינה און זאָגט: אַזוי לאַנג, ווי דער אבר איז באַהעפט צום גוף, קאָן מען נאָך האָפן, אַז עס וועט קומען פאַר אים אַ רפואה, אָבער אַז מען שניידט אים אָפּ, איז ניטאָ פאַר אים קיין תקנה אויף אייביק!... ווי, עס איז יעדער איינציקער פון ישראל אַ טייל פון דער שכינה!...

פאַרהאַנג פאַלט.

---